חג השבועות ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קה

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד לקראת חג השבועות



שלשת ימי הגבלה א

זמן מתן תורתינו ט

עבודה מחשבה טו


## שלשת ימי הגבלה

### הגבל את ההר וקדשתו;

די הכנה צו קבלת התורה דורך מצוות הגבלה און פרישה

יום שני פרשת במדבר כ"ד אייר תשפ"ג

א

## היו נכונים לשלשת ימים; די מלחמה פון פרעה קעגן די שלשת ימי הגבלה

### די צוגרייטונגען צו קבלת התורה

אין די פסוקי התורה פון פרשת יתרו געפינען מיר צוויי מצוות וואָס אידישע קינדער האָבן באַקומען, כדי זיך צוצוגרייטן בעפאָר קבלת התורה: **די מצוה פון 'פרישה'**, אַז מ'זאָל זיך פורש זיין, און **די מצוה פון 'הגבלה'**, אַז מ'זאָל באַגרעניצן דעם באַרג סיני און נישט דאָרט אַרויפגיין.

די הכנות צו קבלת התורה פארנעמען אַסאַך פסוקים, און מ'זעט דערפון - אפילו פשוט פשט ווען מ'לערנט חומש רש"י - אַז **די הייליגע תורה קען נאר אַריינגיין אין דעם מענטש, נאָכדעם וואָס ער גרייט זיך ריכטיג**, און נאָכדעם וואָס ער איז זיך פורש פון די הבלי עולם הזה. דער מח דאַרף זיין אין אַ ריכטיגער מצב, כדי אַז מ'זאָל זוכה זיין צו באַקומען דעם אור התורה.

### משה רבינו פאָדערט שלשת ימי הגבלה

אין ספר **'נאות הדשא'** (מתן תורה פ"ו הגבלה ופרישה) שטייט אַ געוואַלדיגער יסוד פונעם הייליגן **אבני נזר** זצ"ל, אַז די שלושת ימי הגבלה וואָס אידן האָבן געהאַט בעפאָר קבלת התורה, זענען בעצם די זעלבע דריי טעג וואָס משה רבינו האָט געזאָגט פאַר פרעה (שמות ח, כג): 'דרך שלשת ימים נלך במדבר'. - משה רבינו רעדט צו פרעה און זאָגט אים: **איך דאַרף האָבן דריי טעג, 'שלשת ימי הגבלה'**, כדי צו ברענגען אידישע קינדער אויף דער דרגא וואו זיי דאַרפן אָנקומען, כדי צו קענען מקבל זיין די תורה.

דער אבני נזר איז מסביר אַז דער מדבר איז אַ פלאַץ וואו ס'איז נישטאָ קיין טרדות, און דעריבער קען מען זיך דאָרט צוגרייטן די נשמה פאר קבלת התורה. **מ'קען זיך רייניגען ווי ס'דאַרף צו זיין פון 'קנאה תאוה וכבוד'**, וואָס די דריי מדות זענען די עיקר מעכבים וואָס שטערן פאר קבלת התורה. וויפיל מער מ'נעמט אַוועק יעדעס איינס פון די דריי, ווערט מען אַ גרעסערע כלי צו מקבל זיין די תורה.

אָט די דריי מדות רעות פון 'קנאה תאוה וכבוד', זענען קעגן די דריי חלקים פון דעם מענטש: 'גוף, נפש ושכל'. - 'קנאה' קומט פון דעם גוף, 'תאוה' קומט פון נפש, און 'כבוד - גאוה' איז די העכסטע דרגא וואָס קומט פון שכל. דערפאַר האָבן אידן געדאַרפט האָבן דריי טאָג, **כדי זיך אָפצוגעבן יעדן טאָג מיט איינע פון די דריי מדות**, צו רייניגן דעם 'גוף נפש און שכל', פון 'קנאה תאוה און כבוד', און הערשט נאָכדעם זענען זיי געוואָרן גרייט צו קבלת התורה.

### פרעה וויל נישט ערלויבן קיין הכנה צו קבלת התורה

זאָגט דער אבני נזר, אַז ווען פרעה האָט זיך געקריגט מיט משה רבינו און ער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן אידן פאר דריי טעג, מיט דער טענה פון: 'לכו זבחו לאלקיכם בארץ', איז פשט דערפון אַז די קליפה האָט געזאָגט: **איך לאָז דיך מקבל זיין די תורה, אָבער מאַך עס אָן די דריי טעג הכנה!**

די עיקר מלחמה פון פרעה איז געווען **אַז אידן זאָלן זיך נישט רייניגן בעפאָר קבלת התורה**. ווייל די קליפה ווייסט אַז ווען מ'לערנט תורה און מ'איז נאָך צוגעבינדן צו 'קנאה תאוה וכבוד', דעמאָלט קענסטו לערנען געזונטערהייט, ס'איז בסדר...

דאָס איז געווען די ויכוח צווישן משה רבינו און פרעה! **זייער גאַנצע ויכוח איז געווען אויף די הכנה צו מקבל זיין די תורה.** שפעטער ווען אידישע קינדער האָבן טאַקע זוכה געווען אַרויסצוגיין פון מצרים, האָבן זיי זוכה געווען צו די שלשת ימי הגבלה, און אַדאַנק דעם האָבן זיי זוכה געווען צו אַ תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן מיט אַ געוואַלדיגע קדושה פון 'אתה נגלית', ווייל **ס'איז ווירקליך געווען די הכנה פון דריי טעג** ווען זיי האָבן זיך גערייניגט פון די נישט גוטע מדות.

### די חילוק צווישן אַ קרבן פון אידן און אַ קרבן פון בני נח

דער אבני נזר ברענגט דאָרט פון הגה"ק בעל **חידושי הרי"ם** זי"ע, אַז ווען אַ איד ברענגט אַ קרבן עולה, איז די הלכה אַז מ'דאַרף מאַכן 'הפשט וניתוח', מ'דאַרף אַראָפנעמען אַלע פסולת און מקריב זיין אַ ריינעם קרבן פאר השי"ת. אָבער ביי די עולות וואָס די בני נח האָבן מקריב געווען בעפאָר מתן תורה, זאָגט די **גמרא** אין מסכת זבחים (קטז, ב) אַז ס'איז נישט געווען דאָרט די הלכות פון 'הפשט וניתוח'.

האָט דער חידושי הרי"ם געזאָגט די טעם דערפון, ווייל ווען דער גוי ברענגט אַ קרבן, האָט ער נישט קיין דביקות בשעת מעשה. ער שטייט אַלעמאָל אינדרויסן, **ער פאַרשטייט בלויז די חיצוניות'דיגע מציאות**, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער


פטרון סדר במדבר

נתנדב ע"י הרוצה בעילום שם
לעילוי נשמת הרה"ק ר' **ישעי'** בן הרה"ק ר' **משה** זי"ע

און ער ברענגט אים יעצט אַ מתנה. דעריבער נעמט ער נישט אַראָפּ קיין פסולת דורך זיין קרבן. דער גוי קען נישט משיג זיין דעם טיפערן באַדייט פון קרבנות, אַז דאָס טוט אויסרייניגן אַלע פסולת פון דעם מענטש, און אַז נאָכ'ן אַראָפּנעמען די פסולת ברענגט דאָס צו דביקות. **דאָס האָט נאָר אַ איד!**

### נאָך מתן תורה מוז זיין אַ תורה מיט דביקות

דער גוי פאַרשטייט בסך הכל אַז ס'איז דאָ אַ גאָט און מ'ברענגט אים קרבנות און מ'גייט ווייטער אָן מיט'ן לעבן אַזויווי ביז יעצט. דאָס איז דער בליק אײדער קבלת התורה! בעפאָר קבלת התורה קען זיך דאַכטן אַז מ'קען דינען דעם רבוש"ע אָבער ס'זאָל נישט ברענגען די נשמה צו קיין דרגא אין דביקות.

דערפאַר האָט משה רבינו געזאָגט פאר פּרעה: **ס'גייט זיך יעצט אָנהויבן גענצליך אַ נייע זאַך.** אין דער מינוט וואָס מיר גייען אַרויס פון מצרים, גייט השי"ת אַראָפּנעמען די קליפּה פון אידן און עס עפנט זיך אַ פרישע קאַפּיטל פון עבודת ה'. ס'הייבט זיך אָן אַ נייע מצב פון קרבנות און תורה מיט תפלה, **וואָס גייט אויף אַן אופן פון 'הפשט וניתוח'**, אַז מ'דאַרף קודם אַראָפּנעמען אַלע קנאה תאוה וכבוד, און דורכדעם קומט מען אָן צו דביקות.

ענדגילטיג האָט טאַקע משה רבינו געוואונען. פּרעה האָט געדאַרפט אַרויסשיקן אידישע קינדער געצוואונגענערהייט, און אידן האָבן טאַקע געמאַכט די ריכטיגע הכנה אין די שלשת ימי הגבלה.

### אַ נצחיות'דיגער כח ביז'ן היינטיגן טאָג

דער אבני נזר פירט דאָרט אויס אַז באמת איז עס טאַקע נישט קיין לייכטע זאַך אַראָפּצונעמען די אַלע קנאה תאוה וכבוד. **ס'איז גאָרנישט אַזוי פּשוט.** אָבער וויאַזוי האָבן אידן טאַקע מצליח געווען זיך גענצליך אויסצורייניגן? דאָס איז געקומען **וויבאַלד גאַנץ כלל ישראל איז געווען צוזאַמען**, ויחן שם ישראל נגד ההר, כאיש אחד בלב אחד. דאָס האָט זיי געגעבן דעם כח, זיך צו קענען מטהר זיין פון קנאה תאוה וכבוד.

זאָגט דער אבני נזר: **'ונשאר מזה לדורות'** - דאָס איז אויך געבליבן לדורות, **אין די יעצטיגע טעג ווען מ'גרייט זיך צו קבלת התורה.** די לעצטע וואָך בעפאָר שבועות איז די מדה פון 'מלכות', וואָס דאָס איז די מדה פון כנסת ישראל. אין די טעג קומט אַראָפּ די מדה פון כנסת ישראל אין יעדן פּרט ופרט, און **דאָס העלפט פאר יעדן מענטש זיך צו רייניגן פון קנאה תאוה וכבוד**, וואָס לויט וויפיל מ'איז מצליח צו ווערן אויסגעריינִיגט פון די דריי מדות רעות, אַזויפיל מער איז מען זוכה צו מקבל זיין די תורה פונדאָסניי.

**←אותיות מחכימות←** נאות הדשא - הגה"ק בעל אבני נזר זי"ע (מתן תורה פ"ו הגבלה ופרישה)

בְּעִנְיַן שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַהַגְבָּלָה, כִּי מֹשֶׁה רבע"ה אָמַר לְפַרְעֹה 'דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים נֵלֵךְ בַּמִּדְבָּר', וְהַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לַהֲכָנָה שְׁלוֹשָׁה יָמִים בַּמִּדְבָּר, מָקוֹם בְּלֹא טִרְדוֹת, כְּדֵי לְנַקּוֹת אֶת עַצְמָם מִשְּׁלוֹשָׁה הַדְּבָרִים שֶׁל קִנְאָה תַּאֲוָה וְכָבוֹד, שֶׁהֵם בְּגוּף וְנֶפֶשׁ וְשֵׂכֶל, וְרַק אָז נוּכַל לָגֶשֶׁת לַעֲבֹד אֶת ה', וּפַרְעֹה אָמַר 'לְכוּ זִבְחוּ לֵאלֹקֵיכֶם בָּאָרֶץ', הַיְנוּ עִם כָּל הָאַרְצִיּוּת וְהַגַּשְׁמִיּוּת.

וְהִנֵּה כ"ק הָאַדְמוֹ"ר הרי"מ זצ"ל מְגוּר פֵּרֵשׁ, הָא דעוֹלוֹת שֶׁהִקְרִיבוּ בְּנֵי נֹחַ הָיוּ בְּלִי הַפְשֵׁט וְנִתּוּחַ, שֶׁזֶּה מוֹרֶה בְּלִי סִלּוּק וְנִקָּיוֹן מִן הַפְּסֹלֶת עכ"ד.

ולפי"ז יֵשׁ לוֹמַר הָיָה הַוִּכּוּחַ בֵּין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה לְפַרְעֹה, שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ הִגִּיד שֶׁמֵּעַתָּה מַתְחִילָה הֲוַי' חֲדָשָׁה לְיִשְׂרָאֵל, וְנִרְמָז בּוֹ כָּל עִנְיַן הַגְּאֻלָּה שֶׁהוּא כְּעֵין יְצִיאַת הָעֻבָּר לַאֲוִיר הָעוֹלָם וְקוֹנֶה הֲוַי' חֲדָשָׁה וּפַרְעֹה הִתְנַגֵּד לָזֶה. וּבְסוֹפוֹ שֶׁל דָּבָר הֻצְרַךְ פַּרְעֹה לְשַׁלֵּחַ אֶת יִשְׂרָאֵל בְּעַל כָּרְחוֹ שֶׁלֹּא בְּטוֹבָתוֹ, וְהָעִנְיָן שֶׁאָמַר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה שֶׁיִּשְׂרָאֵל צְרִיכִין לַהֲכָנָה שְׁלוֹשָׁה יָמִים כַּנַּ"ל נִתְקַיֵּם בִּשְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה.

וְהִנֵּה הָעִנְיָן לְהִתְנַקּוֹת מִקִּנְאָה תַּאֲוָה וְכָבוֹד לֹא דָּבָר קַל הוּא שֶׁיִּהְיֶה בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְלֹא עַל צַד הַדִּמְיוֹן לְכָל פְּרָט וּפְרָט, אֲבָל הַסִּיּוּעַ לָזֶה הוּא מִצַּד הַכְּלָל שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַר סִינַי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר' וּבְרַשִׁ"י 'כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד', שֶׁזֶּה מוֹרֶה שֶׁכָּל זְכוּתָם וְכוֹחָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לָגֶשֶׁת לְמַתַּן תּוֹרָה הָיָה מֵחֲמַת הִתְאַחֲדוּת.

וְנִשְׁאַר מִזֶּה לְדוֹרוֹת שֶׁבְּיָמִים אֵלֶּה מוֹפִיעָה מִדַּת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּכָל פְּרָט וּפְרָט, וְזֶה שֶׁמְּסַיֵּעַ לְכָל אִישׁ הַבָּא לִטָּהֵר מִקִּנְאָה תַּאֲוָה וְכָבוֹד לְשַׁעְתּוֹ עַל כָּל פָּנִים, וּלְפִי מִדַּת הַנִּקָּיוֹן מִשָּׁלוֹשׁ מִדּוֹת אֵלֶּה, כֵּן זוֹכִין לְעָמְתוֹ לְקַבֵּל הַתּוֹרָה.

ב

# פְּרִישָׁן לְמָנָתֵהּ לְמֶעְבַּד לֵיהּ רְעוּתָא; אינוועסטירן די כוחות הנפש אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ

### אַלע הרגשים און תשוקות קומען פון אַ הייליג פּלאַץ

לאָמיר אַביסל מרחיב זיין, צו פאַרשטיין בעסער וויאַזוי די זאַך אַרבעט:

אין **ספרים הק'** שטייט אַ יסוד, אַז אַלע הרגשים, אַלע תשוקות און אַלע רצונות וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, סיי לגבי קנאה, סיי לגבי תאוה און סיי לגבי כבוד, **שטאַמט בעצם דער רצון מיט די תשוקה פון אַ הייליגע פּלאַץ אינערהאַלב זיינע כוחות הנפש**, נאר ס'איז יעצט אַרויסגעקומען אויף אַ פאַרקרומטע וועג.

די פּראָבלעם פּאַסירט ווען דער מענטש האָט גענומען זיינע אײדעלע כוחות הנפש און עס אויסגענוצט אומריכטיג. אַנשטאָט אַז זיין רצון און זיין תשוקה זאל אַרויסקומען מיט די אָריגינעלע צורה, אָן קיין שום קאָליר, נאר פאַר'ן רבוש"ע אַליין, איז דאָ געשען אַז וויבאַלד ער געפינט זיך אין אַ גוף, אַרומגענומען מיט אַ גאַנצע וועלט פון עולם הזה'דיגע מושגים, און עס דאַכט זיך אים אַז "יענער האָט תענוגים', "יענער האָט הצלחות', "יענעם גייט וויאַזוי ער וויל', **קומען יעצט די רצונות אַרויס אויף אַ קרומע נישט אמת'ע צורה.** דאָס איז נישט די אמת'ע רצון, נאר ס'איז בלויז אַרויסגעקומען אויף אַזאַ סאָרט פאַלשע וועג.

### יעדער איד האָט כוחות הנפש פאר קדושה

דאָס הייסט אין אַנדערע ווערטער, אַז ווען אַ מענטש האָט אויסגענוצט זיינע כוחות הנפש אומריכטיג, **האָט ער דאָס אַוועקגענומען פון דער קדושה.** ווייל באמת דאַרפן אַלע רצונות און אַלע תשוקות און אַלע כוחות הנפש פון אַ איד זיין מיוחד בלויז פאַר'ן רבוש"ע!

דאָס איז שייך ביי יעדע נשמה פון יעדן איד; נישט קיין חילוק צי ער האָט אַ גוטן קאָפּ צי ער האָט אַ שוואַכערן קאָפּ; צי ער האָט ליב צו זיצן ביי דער גמרא עטליכע שעה, צי ער האָט בעסער ליב עוסק צו זיין אין מצוות מעשיות. אודאי איז דאָ אַלע סאָרט נפשות מיט אַלע סאָרט מצבים, **אָבער אין דעם שורש פון אַלע אידישע נשמות, מענער פרויען און קינדער, ליגט אַן אמת'ע תשוקה און רצון אַז 'איך וויל דינען דעם אויבערשטן'!** דער רצון קומט צומאָל אַרויס, ליידער, אויף נישט גוטע מצבים, אָבער די אמת'ע תשוקה פון אַ איד איז בלויז צו תורה, און אָנצוקומען צום רבוש"ע. באמת באַלאַנגט עס אַז אַלע חלקי הנפש זאָלן גיין בלויז דאָרט.

### צוריקברענגען דעם נפש צו תורה וקדושה

ווען אַ מענטש נוצט אויס גרויסע שטיקער פון זיינע חלקי הנפש אויף אַנדערע זאַכן, **פּאַסירט אויטאָמאַטיש אַז די תורה קען נישט נקלט ווערן ביי אים**, ווייל ער האָט נישט די כלים דערפאַר. ער האָט גענומען זיין נפש, וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס אַ כלי צו קענען אַריינעמען אין זיך תורה, און ער האָט דאָס פאַרקירעוועט אַז ס'זאָל דינען

אַנדערע זאַכן.

דערפאַר איז זייער פאַרשטענדליך אַז ווען מ'ריניגט זיך אויס פון קנאה תאוה וכבוד, לייגט מען צוריק די חלקי הנפש אויפ'ן ריכטיגן פלאַץ. עס בלייבט ביי אים אַ געפיל פון קנאה, אָבער **די קנאה גייט אויף תורה**, קנאת סופרים תרבה חכמה. עס בלייבט ביי אים די געפיל פון תאוה, אָבער **די תאוה ווערט איבערגעדרייט צו 'כמה לך בשרי'**. ס'ווערט דערפון אַ 'כאיל תערוג על אפיקי מים כן נפשי תערוג אליך אלקים'.

### ווען מ'נוצט דאָס געלט און צייט פאַר נאַרישקייטן

נאָכדעם וואָס מ'פאַרשטייט דעם יסוד, דערהערט מען אַז עבודת ה' ווערט נישט אַלעמאָל גערעכנט לויט וויפיל צייט מ'גיט אַוועק פאַר'ן לערנען, וכדומה. אודאי איז מען מחויב צו מקדיש זיין צייט פאַר לימוד התורה, אָבער מ'דאַרף דערהערן אַז ס'גייט אַסאַך טיפער דערפון. די עיקר שאלה איז: **וואו ביסטו משקיע דיינע כוחות הנפש?!**

ווען ס'קומט סיי לגבי שפענדן געלט, און סיי לגבי אויסנוצן צייט, זעט מען בחוש אַז יעדער איינער נוצט דאָס אויס ביי די זאַכן וואָס זענען אים באמת וויכטיג. יעדער איינער מאַכט אַ בחירה וואו ער זאָל אינוועסטירן זיין געלט און צייט.

צומאָל זאָגט מען פאַר אַ מענטש: דו נוצט אויס דיין געלט אויף נאַרישקייטן, און דערפאַר האָסטו נישט קיין געלט צו צאָלן פאַר אַ חברותא, **ווייל דיר איז געווען וויכטיגער צו שפענדן געלט פאַר נאַרישע תאוות**. דו קענסט ווען צאָלן פאַר אַ חשוב'ער יונגערמאַן וואָס זאָל זיצן און לערנען מיט דיר אַ מסכתא, אָבער יעצט טענה'סטו אַז דו האָסט נישט קיין געלט דערפאַר. האָסט אויסגענוצט דיין געלט פאַר לופטיגע הנאות, צו מאַכן שענער דיין הויז וכדומה, און אַדאַנק דעם האָסטו נישט קיין געלט פאַר וויכטיגע זאַכן, צו דינגען איינעם וואָס זאָל לערנען מיט דיר אַליין, אָדער מיט דיין בחור.

און פונקט ווי ביי געלט, איז דאָס אויך אַקטועל לגבי צייט: **דו האָסט נישט קיין צייט צו לערנען ווייל אַלע נאַרישקייטן זענען דיר וויכטיגער**, און דעריבער איז דיר שוין נישט געבליבן קיין צייט צום לערנען.

### יעדער איינער שפענדט געלט און צייט לויט זיין בחירה

**דאָס איז אַ מציאות אַז יעדער מענטש האָט געלט און צייט, ווען ס'קומט צו די זאַכן וואָס זענען אים שטאַרק וויכטיג**. און ווען ס'איז אים נישט וויכטיג האָט ער נישט קיין געלט און נישט קיין צייט. ביי יעדן איינעם איז דאָס אויף אַן אַנדערע פלאַץ.

אפילו איינער וואָס לעבט שטאַרק בצמצום, אָבער **ווען ס'קומט צו זיינע זאַכן וואָס ער וויל זייער שטאַרק האָבן, דאַרט וועט ער אויסגעבן געלט**. ער וועט דיך מסביר זיין מיט ק"נ טעמים: "די קינדער דאַרפן האָבן שיינע בגדים, דאָס מוז זיין... כ'וויל

## דיינע כוחות הנפש גייען ווערן אויסגענוצט, צוליב די געפילן פון קנאה תאוה וכבוד

נישט אַז מיינע קינדער זאָלן שפירן אַז מיר זענען אָרימעלייט, דאָס קען זיי שאַטן, ס'איז נישט גוט פאַר'ן נפש"... ווידעראום אַ צווייטער טענה'ט אַז פאַר זיין שלום בית מוז ער וויכטיג איבערמאַכן זיין קאָך: "ס'דאַרף זיין אַ נאָרמאַלע הויז, אַז נישט וועט די גאַנצע שטוב צעפאַלן"...

ס'איז נישט קיין חילוק וויפיל געלט אַ מענטש האָט למעשה, **האָט ער אַלעמאָל אַ בחירה וואו ער זאָל נוצן זיין געלט**. דאָס זעלבע איז מיט צייט. דער מענטש טענה'ט: "איך בין אַזוי פאַריאָגט, איך האָב נישט קיין צייט צו אָטעמען"... ביסט גערעכט, אָבער למעשה האָסטו אַ בחירה, **וועלכע זאַך איז ביי דיר נומער איינס און וועלכע זאַך איז ביי דיר נומער צוויי?!** ווען ס'קומט צו די זאַכן וואָס זענען ביי דיר די ערשטע אויף דער ליסטע, טרעפסטו שוין אַ וועג וויאַזוי זיך צו מאַכן צייט.

### מיר נוצן די רצונות און תשוקות לויט אונזערע החלטות

דער אבני נזר לערנט אונז צו קוקן מיט נאָך אַ טיפערן בליק: פונקט ווי דו פאַרשטייסט די נקודה לגבי געלט און צייט, **דאַרף מען דאָס אויך דערהערן לגבי כוחות הנפש**.

יעדער מענטש האָט גאָר אַסאַך רצונות מיט תשוקות, און דער וועג וויאַזוי אונזער מח אַרבעט איז, אַז מ'טראַכט איבער אַלע רצונות, און **מען מאַכט אַ החלטה וועלכע רצון ס'איז יעצט וויכטיגער**: "כ'האָב זייער געוואָלט טון די זאַך, אָבער היות ס'וועט זיין אויפ'ן חשבון פון אַ צווייטע זאַך, דעריבער וויל איך עס למעשה נישט טון".

### מ'לעבט מיט אַ חשבון אַז יעדע תשוקה קאָסט אַ פּרייז

יעדער מיושב'דיגער מענטש מאַכט זיך כסדר דעם 'הוי מחשב הפסד כנגד שכר'. ער נעמט אין חשבון: '**וואָס צאָל איך פאַרוואָס**', און דעריבער איז ער אַסאַך מאָל מוותר אויף געוויסע זאַכן וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, ווייל ס'לוינט זיך נישט לויט זיינע חשבונות.

צום ביישפיל: אַ איד שפירט אַז ס'וואָלט געווען זייער וויכטיג אַרויסצוגיין אויף אָפּרוה מיט די בני בית אויף אַ טאָג צוויי. ס'איז דאָ אַזויפיל טרדות אין שטוב פון די גרויסע קינדער און די קליינע קינדער. ער וויל אַרויספאָרן צו זיין אַביסל אַליין. ס'איז אַ וויכטיגע זאַך.

אָבער ער טראַכט אַריין: "וואָס גייט דאָס טון פאַר דעם קינד וואָס איז יעצט אין אַ שוואַכע מצב?!". דאָס קינד גייט שפירן אַז מ'האָט אים אָפּגעלאָזט און ס'וועט אים שאַטן.

דער מענטש פאַרשטייט די פּרייז וואָס דאָס גייט אים קאָסטן, און ער מאַכט אַ החלטה. ס'איז נישט קיין חילוק וואָס די החלטה איז געווען, **אָבער ער האָט דאָ געטון אַ מחשבה פון 'הוי מחשב הפסד נגד שכר'**. ער פאַרשטייט אַז ס'איז דאָ אַ פּרייז וואָס ער גייט דאַרפן באַצאָלן, און ער מאַכט זיך דעם חשבון אויב ס'לוינט זיך.

### מאַכן אַ בחירה וויאַזוי צו נוצן כוחות הנפש

אַזוי אַרבעט עס לגבי אַלע החלטות וואָס אַ מענטש מאַכט אפילו בגשמיות, און אודאי אַרבעט עס אַזוי לגבי די כוחות הנפש וואָס אַ מענטש נוצט אויס ברוחניות.

דאָס מציאות איז, אַז '**קנאה תאוה וכבוד' שעפן אַרויס אַסאַך כוחות הנפש**. דער מענטש טוט פעולות און ס'קאָסט אים כוחות הנפש, אַלעס וויבאַלד ער האָט געהאַט קנאה, אָדער תאוה, אָדער כבוד, און דאָס נעמט אים אַוועק כוחות הנפש פון דעם ריכטיגן פלאַץ.

אַ איד דאַרף דעריבער קענען מאַכן אַ בחירה און זאָגן: איך פּאַפּ זיך נישט אַליין, **איך גיי נישט זאָגן אַז איך וויל נישט האָבן די אַלע גשמיות'דיגע זאַכן**. כ'האָב עס יאָ שטאַרק געדאַרפט, און כ'וויל עס נאָך אַלץ האָבן, אָבער אויב כ'וועל זיין פאַרנומען צו טראַכטן וועגן דעם, אויב כ'וועל לאָזן אַז די מחשבה זאָל איבערנעמען מיין מח, **דעמאָלט גייט דאָס זיין אויפ'ן חשבון פון די אמת'ע רצון און תשוקה צו דברים שבקדושה!** אויב כ'גיי זיין פאַרנומען מסדר זיין אַז כ'וויל דוקא האָבן אַזאַ סאָרט דירה, און אַזאַ סאָרט בעט, און ס'דאַרף זיין פונקטליך וויאַזוי איך וויל, דעמאָלט גייט דאָס גיין אויפ'ן חשבון פון עפּעס אַנדערש!

אַ מענטש קען מחליט זיין מיט אַ שטאַרקייט: יאָ, איך גיי טון מיין נאָרמאַלע השתדלות. איך גיי רעדן מיט וועמען מ'דאַרף רעדן, **אָבער כ'האָב נישט קיין צייט און כ'וויל נישט אַריינלייגן מיינע כוחות הנפש צו שטאַרק אין דער זאַך**. איך וויל נישט אַז מיין קאָפּ זאָל ווערן אָנגעבינדן און פאַרנומען דערמיט. **כ'וויל נישט אַז מיין מח זאָל טראַכטן יומם ולילה וועגן דעם ענין**, ווייל ווען איך טראַכט דערוועגן מאַכט עס שטאַרקער די תשוקה דערצו, און ס'מאַכט אַז מיינע כוחות הנפש זאָל ווערן אַריינגעלייגט דאָרט. ווען איך האָב אַ שטאַרקע תשוקה צו אַ געוויסע גשמיות'דיגע זאַך, איז דאָס אַנשטאָט אַ תשוקה צו תורה, צו עבודה, צו שב"ק, צו יום טוב. און **כ'בין נישט מסכים אַז דאָס זאָל פּאַסירן!**

# ויסעו מרפידים; נישט מאַכן 'בל תשחית' מיט אונזערע כוחות הנפש

## נישט אַוועקגעבן דעם קאָפּ פאר גשמיות

פאַרצייטישע ערליכע אידן האָבן אויך אינמיטן אַרבעטן פאר פרנסה, זיך אונטערגעזינגען אַ ניגון צום רבוש"ע. אַמאָליגע צייטן איז דאָס געווען גרינגער, ווייל מ'האָט בעיקר געטון פיזישע אַרבעט. ווי מ'פלעגט מדייק זיין דעם פּסוק: 'יגיע כפיך כי תאכל' - מ'זאָל אַרבעטן מיט די הענט, נישט מיט'ן קאָפּ.

אויך היינט צוטאָגס האָב איך שוין געהערט פון אידן יראי שמים וואָס זיי ווילן ענדערש אָננעמען אַ פיזישע אַרבעט, כדי אַז זייער קאָפּ זאָל נישט זיין פאַרנומען, און בשעת מעשה זאָלן זיי קענען הערן אַ שיעור, אָדער זאָגן תהלים. **ער וויל נישט נעמען אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס פאָדערט אַז זיין גאַנצע וועזן זאָל זיין אַריינגעטון אין פאַרדינען געלט.** ער וויל נישט אַוועקגעבן זיין מח און זיינע כוחות הנפש פאר אַנדערע זאַכן.

מ'גייט נישט יעצט אַריין וויאַזוי מ'זאָל טון אויף למעשה, מ'רעדט בלויז איבער דעם געדאַנק דערפון, אַז דער מענטש קען אָנווייזן אויף זיך אַליין און באַמערקן: **וואָס פּאַסירט ווען כ'ווער פאַרנומען מיט גשמיות. וואו איז מיין מח? וואו איז מיין קאָפּ?**

## געקאָכט מיט'ן שב"ק אינמיטן די געשעפטן

עס ווערט פאַרציילט אויף הרה"ק רבי **גדליה משה מזוועהיל** זי"ע אַז אַמאָל פרייטאָג צונאַכטס ביי קידוש האָט ער אויסטערליש געפלאַמט און געקאָכט מיט אַ געוואַלדיגע ברען פון קדושת השב"ק. איז געשטאַנען דאָרט אַ איד און ער האָט זיך געוואונדערט, ווייל ער האָט מיטגעהאַלטן ווי ר' גדלי' משה איז געווען פאַרנומען צו האַנדלען ביז שפּעט פרייטאָג נאָכמיטאָג מיט קונים, און **ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין וויאַזוי דער צדיק קען זיין אַזוי דבוק צום רבוש"ע מיט אַזאַ פלאַם פייער.** כ'האָב דאָך אים יעצט געזען אויף דער גאַס עוסק זיין אין פאַרשידענע געשעפטן?

ווען דער איד האָט דאָס געפרעגט פונעם צדיק האָט ער אים געזאָגט: **וואָס מיינסטו, וואו בין איך געווען דעמאָלט פרייטאָג נאָכמיטאָג?** וואו איז געווען מיין קאָפּ? וואו איז מיין תשוקה געווען? **פון וואָס האָב איך געטראַכט בשעת מעשה?** איך האָב דאָך נאר געטראַכט וועגן שבת קודש!

אודאי, אַז מ'טראַכט פון שבת אויך אינמיטן האַנדלען מיט די געשעפטן, דעמאָלט ווען ס'קומט צו קידוש איז מען 'דערביי' מיט אַלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים.

## סור מרע - נישט ליגן אין עולם הזה

דאָס איז די שאלה וואָס אַ מענטש דאַרף זיך פרעגן: **וואָס טראַכסטו ווען דו האסט נישט וואָס צו טראַכטן?** וואָס אינטערעסירט דיך אויב מ'פרעגט דיך וואָס דו ווילסט באמת? אויב מ'וואָלט דיך געזאָגט אַז דו קענסט בעטן עד חצי המלכות, וואָס וואָלסטו געבעטן?

אויב אַ מענטש וויל האָבן מחשבות און תשוקות פון רוחניות, דעמאָלט זאָגט מען פאר דעם איד: די וועג וויאַזוי מ'טוט דאָס איז 'סור מרע ועשה טוב'. - 'סור מרע' איז טייטש אַז **צוערשט זאָלסטו אַוועקנעמען די טיפע געפילן וואָס דו האסט צו אַנדערע זאַכן, אפילו צו דברי רשות.** ווייל נאר אַזוי קענסטו איבערלאָזן דיינע געפילן און כוחות הנפש פאר ענינים פון קדושה.

## אַ בושה פון זיך אַליינס: מיט וואָס בין איך פאַרנומען?

דאָס גיט אונז צו פאַרשטיין פאַרוואָס **צדיקים האָבן אַזויפיל גערעדט מיט אַ געוואַלדיגע זלזול קעגן 'מותרות' - לוקסוס.** מ'מיינט אַז ס'איז עפּעס אַ מדריגה וואָס צדיקים האָבן געהאַט אַז זיי האָבן פּשוט נישט געדאַרפט די אַלע זאַכן, ס'איז זיי געווען גוט אָן קיין שום גשמיות. דאָס איז טאַקע אויך אמת, אָבער ס'איז אויך דא נאָך אַ פּשטות דערינען, און מ'דאַרף דאָס אויסשמועסן.

צומאָל פרעגט אַ מענטש: דער אויבערשטער לאָזט נישט אַז כ'זאָל האָבן ביי מיר אין שטוב די סאָרט שיינע זאַך און יענע סאָרט שיינע זאַך? **מ'טאָר זיך נישט מאַכן געשמאַק און באַ'טעמ'ט דאָס הויז?** ס'שטייט דאך 'דירה נאה מרחבת דעתו של האדם'...

נישט דאָס איז די נקודה. מען מעג האָבן שיינע זאַכן אין שטוב, אויב איז עס אויף אַ נאָרמאַלן אופן. מ'מעג אויסשטעלן באַ'טעמ'ט די אייגענע דירה. די נקודה איז עפּעס אַנדערש: **דו האסט באַמערקט וויפיל טעלעפאָן קאָלס דו האסט**

> אָה, אַנשטאָט ליב האָבן יענע זאַך, וועל איך יעצט קענען ליב האָבן דעם אויבערשטן מיט מיין גאַנצע ליבשאַפט".

**געמאַכט דערוועגן?** דו ביסט משים לב? דו כאַפּסט אַז דו ביסט שוין דריי וואָכן פאַרנומען דערמיט? וואָלסט ווען געדאַרפט באַקומען אַזאַ עקל פון זיך אַליין, אַז איך דריי זיך שוין אַרום דריי וואָכן און כ'בין פאַרנומען: "ברענג מיר די קאָליר, ניין לייג עס צוריק, איך דאַרף ענדערש די אַנדערע סאָרט קאָליר... איין מינוט, כ'גיי אַריינפאָרן אין שטאָט און כ'וועל קוקן צי כ'וויל יאָ האָבן די קאָליר... כ'גיי מברר זיין ביי אַ שכן..."

אַ מענטש דאַרף זיך קענען זאָגן: **גענוג געווען! איך וויל נישט אַז מיין גאַנצע תשוקה און חמדה זאל אויסגיין פאר אַזעלכע עולם הזה'דיגע נאַרישקייטן!** איך האָב דאָך כוחות הנפש, איך האָב דאָך חיות, איך האַלט נישט דערביי אַז מיין לעבן זאָל זיין אַריינגעטון אין אַזעלכע סאָרט זאַכן!

## כ'וויל נישט שפּענדן פאר נאַרישקייטן

דאָס האָט בכלל נישט צוטון מיט וויפיל געלט דער מענטש האָט. **ס'האָט צוטון וואָס פאַראַ סאָרט מענטש ער איז.** אויב איז ער אַן ערליכער איד מאַכט ער אַ קאַלטע קלאָרע החלטה, על פי חשבון, אַז **ער וויל נוצן זיין געלט און זיינע כוחות הנפש אויף בעסערע זאַכן.**

מ'קען דאָס אפילו זען ביי גבירים, וואָס די קינדער אָדער חברים קומען זיי איינרעדן: "ס'לוינט זיך צו קויפן יענע טייערע זאַך, ס'וועט זיין אַזוי געשמאַק"... אויב איז דער גביר אַ שטיקל אויסגערעכנטער מענטש, זאָגט ער: **ניין, איך וויל נישט.** ווען מ'פרעגט אים: "וואָס באַדערט דיך? דו האסט דאָך סיווי דאָס געלט? דו ביסט רייך ווי קרח, וואָס גייט דיך אָן צו קויפן די זאַך". אויב איז ער אַ מיושב'דיגער מענטש - לאו דוקא צוליב עבודה מיט יראת שמים, נאר פּשוט אַ מענטש וואָס האַלט חשבון אויף זיך אַליין - וועט ער ענטפערן: "איך וויל אַליין מחליט זיין וואו כ'וויל שפּענדן מיין געלט. איך האַלט נישט ביים נוצן מיין געלט אויף די סאָרט זאַכן. אַ גוטן טאָג און פאַרטיג"...

## באַמערקן וויפיל מ'ליגט אין שטותים

אָט די זעלבע החלטה מאַכט אַן ערליכער איד, ווען ער באַמערקט וויפיל זיין האַרץ קלאַפּט אים און מיט וויפיל חיות ער רעדט וועגן עניני עולם הזה. דער אבני נזר זאָגט אונז: **באַמערק עס!** געוויס דאַרף מען אַסאַך מאָל ערלעדיגן זאַכן, ס'איז דאָ אַסאַך טעכנישע דעטאַלן אין לעבן וואָס מ'דאַרף אינזין האָבן, מ'האָט דאָך אַ שטוב מיט קינדער וכדומה, אָבער **באַמערק וויפיל 'חיים' דו לייגסט אַריין אין עולם הזה.** באַמערקט דיין סגנון הדיבור, דיין סגנון המחשבה, און די כמות וויפיל מחשבה דו טוסט אינוועסטירן דערינען. ס'איז אַ שאָד! **דו נעמסט דיינע כוחות הנפש און דו מאַכסט דערמיט 'בל תשחית'.** ס'ווערט אויסגענוצט לבטלה.

ביז יעצט האָט מען גערעדט לגבי זיך אַריינלייגן קאָפּ און מח אין דברי רשות, וואָס **בעצם איז עס נישט קיין איסור, נאר ס'איז סתם אַ שאָד.** איז אויך דאָ ווען אַ מענטש נוצט אויס זיינע כוחות הנפש פאר זאַכן וואָס זענען נישט אויסגעהאַלטן. אָבער צומאָל איז גרינגער צו אַרבעטן אויף זיך, דווקא ווען מ'באַמערקט דאָס ביי דברי רשות, ווייל דאָרט איז דער יצר הרע נישט אַזוי שטאַרק. ס'איז נישט די גרעסטע תאוה וואָס ציעט אים, **ער האָט פשוט נישט באַמערקט** אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעלייגט דערינען מיט זיין גאַנצע חיות.

ד

# ויחד לבבינו לאהבה וליראה; זיך אויסרייניגן פון תשוקות וואָס נעמט אַוועק פון תורה

## דאָס ווייטאָג פון דעם כולל יונגערמאַן וואָס האָט איבערגעבויעט

צומאָל קען מען זען אַ פליסיגער כולל יונגערמאַן וואָס האָט מחליט געווען אַז מ'גייט אַביסל איבערבויען און רענאָווירן זיין דירה. ב"ה די משפחה איז גרעסער געוואָרן און מ'דאַרף צולייגן צוויי צימערן. אָבער למעשה האָט זיך עס פאַרצויגן אַנדערש ווי מ'האָט געפּלאַנט, כידוע וויאַזוי די זאַכן אַרבעטן אַלעמאָל... **חז"ל** דערמאָנען שוין (יבמות סג, א) אַז 'כל העוסק בבנין מתמסכן'. בויען און איבערבויען איז אַ מים שאין להם סוף.

מ'קען אַמאָל הערן ווי דער יונגערמאַן באַקלאָגט זיך און ער ווייסט אַליין נישט וואו צו אַנטייטלן אַז דאָס באַדערט אים. אָבער **אַז מ'הערט צווישן די שורות, איז דאָס זיין ווייטאָג!** ער רעדט זיך אָפּ אַז ס'קאָסט אים אַזויפיל געלט וואָס ער האָט נישט, אָבער נישט דאָס באַדערט אים באמת. ער רעדט זיך אָפּ אַז ער האָט פאַרלוירן זיין חברותא, אָבער באמת טוט אים דאָ ווי עפּעס אַנדערש: עס ווייטאָגט אים, **ווייל ער שפּירט אַז די גאַנצע זאַך האָט אים באַרויבט פון זיינע חלקי הנפש!** איך דאַרף נאָכלויפן דעם קאָנטראַקטאָר, ער הייבט נישט אויף קיין טעלעפאָן, ער מאַכט מיר צרות, און נאָכדעם וויל ער נאָך געלט, אָבער בעיקר האָט דאָס מיך צוגענומען מיין נפש!

## צוליב קנאה תאוה וכבוד פאַרלירט מען דאָס גאַנצע חיות

איידער אַ מענטש גייט אַריין אין אַזאַ סאָרט פּראָיעקט פון בויען, זאָל ער פאַרשטיין - דאָס נעמט צו נפש! **פאַרשטייסט וואָס מ'רעדט צו דיר? בויען נעמט צו נפש.** אויב דו ביסט יעצט אין אַ מצב וואָס דו גיבסט זיך ממש נישט קיין עצה, דעמאָלט דאַרף מען מאַכן אַ החלטה דערוועגן. אויב שפּירסטו אַז דו האסט נישט קיין מנוחת הנפש שבת אינדערהיים ווייל מ'קען נישט אַזוי זיצן ביי דער סעודה. בסדר, דאַרף מען טראַכטן דערוועגן און מחליט זיין אויב מ'זאָל עס טון.

אָבער וויפיל מאָל איז דאָ אַ מציאות פון אַ יונגערמאַן וואָס האָט אַ געשמאַק אין זיצן און לערנען. אָבער ווען ער מאַכט דעם חשבון אויב מ'זאָל איבערבויען, **טראַכט ער נאר וועגן דעם געלט חלק.** ער האָט אַ גאַנצע פּלאַן וויאַזוי ער קען באָרגן דאָס געלט און וויאַזוי ער גייט זיך דעקן אַלע קאָסטן. דו ביסט טאַקע מסודר לגבי די געלט, **אָבער דו האסט בכלל נישט געמאַכט אַ חשבון וועגן דיין נפש!** פאַרוואָס האָסטו נישט גערעכנט וויאַזוי דו גייסט אויסקוקן דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר? נישט קיין דאַווענען, נישט קיין לערנען, נישט קיין שבת. **דיינע כוחות הנפש גייען ווערן אויסגענוצט,** צוליב די געפילן פון קנאה תאוה וכבוד וואָס האָט דיך באַוואויגן אַז דו מוזט יעצט אַרויסבויען...

## אַוועקגעגעבן ישוב הדעת, ווייל 'יענער האָט'...

נאָכאַמאָל צו באַטאָנען: אודאי איז דאָ מצבים אין לעבן ווען מ'דאַרף עס טון. **אַ מענטש דאַרף אַמאָל קויפן אַ דירה, און ס'קאָסט כוחות הנפש.** בפרט אויב ער ווייסט אַז ער גייט עס ממילא דאַרפן אַמאָל טון, און יעצט איז געקומען אַ מצב פון 'באו מים עד נפש', דעריבער שפּרינגט ער אַריין דערינען.

דערפאַר איז טאַקע אַסאַך מאָל גוט צו וואַרטן מיט אַזעלכע דראַסטישע שריט, ווייל אויב מ'לייגט זיך אַריין דערין, ווען מען מוז עס נאָכנישט טון, און צוליב דעם האָט מען מקריב געווען חלקי הנפש, איז עס אַ גרויסע ווייטאָג. אָבער אפשר אַז מ'וואָלט געוואַרט ביז מ'איז שוין טאַקע געווען געצוואונגען דערצו, וואָלט דער רבוש"ע דאָס געמאַכט אַסאַך גרינגער. **אויב מען מוז דאָס באמת האָבן, דעמאָלט העלפט השי"ת** אַז ס'זאָל זיין צוגעשטעלט אויף אַ גרינגערן אופן.

דו האסט אָבער מחליט געווען אַריינצוטאַנצן. **פּאַפּ זיך נישט אַליין. ס'האָט געהאַט אַ שייכות מיט 'קנאה תאוה וכבוד'.** דו האסט זיך דערוויל נאָך יאָ געקענט אַן עצה געבן, האסט נאָך געהאַט ישוב הדעת אין שטוב. נאר וואָס? יענער האָט אַ שיינע הויז... אַ שאָד, אַ שאָד, האסט גענומען דיין נפש און געמאַכט 'בל תשחית' דערמיט.

דאָס איז נוגע אויף אַזויפיל ענינים און החלטות וואָס מענטשן מאַכן. ווען **זיי נעמען בכלל נישט אַריין אין חשבון אַז מ'גייט דאָ אויסנוצן טייערע חלקי הנפש** אויף נאַרישקייטן.

## ביי קיום המצוות זאָל מען יאָ אינוועסטירן נפש

ס'איז דאָ איין אויסנאַם, ווען מ'טאָר נישט מאַכן אַזעלכע חשבונות, דאָס איז ווען ס'קומט צו טון מצוות. **אודאי דאַרף מען זיך אַריינלייגן אין מצוות טראָצדעם וואָס ס'קאָסט אָפּ חלקי הנפש,** ווייל אַזוי זאָגט אונז די הייליגע תורה! זאָלסט זיין פאַרנומען מיט אַ 'פדיון שבוים' קעיס, זאָלסט זיין פאַרנומען מיט אַ 'הכנסת כלה' וואָס איז דיר אונטערגעקומען און דו שפּירסט אַז דאָס וויל יעצט השי"ת פון דיר. **טו עס יאָ, הגם ס'נעמט דיר אַוועק כוחות הנפש!** אויב דו וועסט אינזין האָבן בשעת מעשה, אַז דו טוסט דאָס כדי זיך צו מדבק זיין במדותיו של הקב"ה, מה הוא רחום אף אתה רחום, **וועט עס נאר צולייגן צו דיין נפש מער רוחניות,** ווייל דו האסט יעצט משקיע געווען כוחות הנפש אין 'קיום התורה'.

ווען אַ איד אַרבעט שווער צו שאַפן אַ לולב, צו בויען אַ סוכה און צו באַקן מצות, **נעמט דאָס אים נישט אַוועק פון דער תורה.** אדרבה, ער לייגט יעצט אַריין זיינע כוחות הנפש אין דער תורה!

אָבער ווען אַ מענטש טוט דאָס פאַרקערטע, איז עס ממש אַ שאָד, ווייל **ער קען מיט די זעלבע חלקי הנפש קונה זיין דעם אור פון דער תורה.** ער קען קונה זיין די איידלקייט וואָס די תורה ברענגט, ער דאַרף נאר מאַכן די החלטה אַז ער וויל דאָס נישט פאַרשפּילן.

## מאַכן אַ שטיקל רייניגונג אויף די רצונות און תשוקות

דאָס איז די ערשטע נקודה וואָס דער אבני נזר זאָגט דאָ, אַז אין די טעג איידער קבלת התורה זאָל אַ איד אויפזוכן זיין אייגענע קנאה תאוה וכבוד, און **ער זאָל פּרובירן צו מאַכן אַ שטיקל שלשת ימי הגבלה,** דאָס צו אויסרייניגן און באַזייטיגן כאָטש אַביסל.

אַסאַך מאָל דאַרף מען בכלל נישט אַזוי שווער זוכן מיט ליכט צו טרעפן די קנאה תאוה וכבוד, **ס'ליגט אויפ'ן טיש זייער קלאָר און אָפן...** לאָמיר אַביסל ווייניגער טון דערינען, לאָמיר טראַכטן אַנדערע סאָרט מחשבות: "איך גיי פּרובירן אַז ס'זאָל מיך נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירן די גשמיות'דיגע זאַכן". - יעדעס שטיקל נפש וואָס דו נעמסט אַרויס פון די עולם הזה'דיגע תשוקות, לייגסטו דאָס צוריק צום ריכטיגן פּלאַץ וואו עס באַלאַנגט, און דעמאָלט גייט עס אַריין אין תורה!

## נישט קוקן אויף יענעמ'ס הצלחות

אפילו לגבי רוחניות איז נישט גוט ווען מ'איז פאַרנומען צו קוקן אויף יענעם. ווי דער **מהרש"א** זאָגט אויף דער גמרא (בבא בתרא כא, ב) 'קנאת סופרים תרבה חכמה', אַז ווען מ'האָט קנאה אויף איינער וואָס לערנט, איז דאָס נאר די ערשטע שטאַפּל, **אָבער ס'איז נישט געמאַכט דאָרט צו בלייבן.** דו

זעסט אַז יענער לערנט קיעה"ר, יענער איז מצליח בתורה, און דו ווילסט אויך. **דאָס איז גוט דיך צו געבן אַ שטופּ**, אָבער בלייב נישט שטעקן דאָרט.

די סיבה דערצו איז זייער פּשוט: **ווילאַנג דו קוקסט נאָך אַרויס רעכטס און לינקס אויף אַנדערע מענטשן, פעלט דיך נאָך אַ שטיקל נפש.** אין אָנהויב דאַרף מען האָבן דעם קנאת סופרים, כדי ס'זאָל דיך געבן אַ שאָקל און אַרויסנעמען פון דיין עצלות. דאַרפסט באַמערקן אַז ס'איז דאָ בעסערע מלמדים, ווי די גמרא שמועסט דאָרט אויס, אַז ווען איין מלמד זעט וויאַזוי אַן אַנדערער מלמד אַרבעט פלייסיגער, גיט דאָס אים אַ שטופּ צו אַליין ווערן בעסער. דאָס איז זייער גוט צו אַריינלייגן דעם מענטש אין אַ פרישע שיעבוד, אָבער **יעצט, אַז דו האסט שוין דעם התעוררות, קוק נישט אין ערגעץ.** יעצט פּרוביר וויפיל ס'איז שייך, אַז ס'זאָל דיר נישט אינטערעסירן גאָרנישט פון קיינעם אינדרויסן, נאר זאָלסט אַריינלייגן אַלע דיינע כוחות הנפש אין דער תורה.

### דער חילוק צווישן 'הערן' און 'מיטהאַלטן' נייעס

ביי 'אהבה רבה' זענען מיר מתפלל צום רבוש"ע: 'ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך'. די בקשה פון 'ויחד לבבינו' איז טייטש: **לייג אַריין מיין האַרץ בלויז אין תורה. איך וויל נישט אַז ס'זאָל ליגן אין קיין שום אַנדערע זאַכן.**

דאָס איז ספּעציעל אַקטועל אין אונזער תקופה, ווען ס'איז דאָ אַ באַזונדערע נסיון אַז מ'זאָל שטענדיג קוקן און זיך פאַראינטערעסירן 'מיט אַלע חושים' צו מיטהאַלטן די נייעס. אפילו אויב דער מענטש איז נישט ממש פאַרנומען אַגאַנצן טאָג מיט נייעס, אָבער **וויפיל חושים נוצט ער צו וויסן וואָס איז נייעס אין גאַס?!**

די **גמרא** זאָגט (ר"ה כה, ב) 'לא תהא שמיעה גדולה מראיה' - דאָס באַדייט אַז ווען אַ מענטש נוצט דעם 'כח הראיה' זיך צו מדבק זיין אין נייעס, האָט ער דאָ אויסגענוצט גאָר אַ שטאַרקע חוש פון זיין נפש. אַנדערש ווי פאַרצייטנס ווען מ'האָט נאָר גענוצט דעם 'כח השמיעה', וואָס איז אַ שוואַכערע חוש.

### מעגסט הערן, אָבער ליג נישט דערינען!

ס'איז נישט געפערליך אַז מ'הערט אַמאָל די נייעס אין מקוה אָדער אין קאַווע שטיבל. דער מענטש ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ מלחמה צווישן אוקראַינע און רוסלאַנד, ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער לבנה. על כל פנים דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט געהערט, האָט מען נאָך געהאַלטן דאָרט אינמיטן די מלחמה... ער איז נישט ממש אָפּגעריסן פון דער וועלט, אָבער **ווילאַנג מען 'הערט' נאר אַ זאַך, אָן צו משקיע זיין די חושים דאָרט, גייט עס אַריין אין איין אויער און ס'גייט אַרויס פון דער צווייטער.** אויב למשל וואָלט אים איינער יעצט צוגערירט זיינע בגדים אין מקוה איז עס ביי אים אַסאַך מער תופס מקום, ווי די נייעס וואָס איז דורכגעלאָפן זיין אויער. **די נייעס האָט נישט איבערגענומען זיינע חלקי הנפש.**

> **די בעסטע הכנה צו קבלת התורה, איז ווען אַ מענטש דערהערט און איז משים לב וואו עס געפינען זיך זיינע חלקי הנפש**

אָבער ווען אַ מענטש 'זעט' די נייעס, האָט ער יעצט אַריינגעלייגט אַסאַך מער נפש, **ער האַלט מיט און ס'נעמט אים איבער.** אַמאָל פלעגט מען 'וויסן די נייעס', אָבער היינט איז שוין דאָ נייע באַגריפן: 'מיטהאַלטן די נייעס', 'ליגן אין די נייעס'...

### צוריקגעבן די חלקי הנפש פאר רוחניות

מענטשן מיינען אַז דאָס אַ 'יאָ אָדער ניין' - אָדער האַקט מען גענצליך אָפּ פון וויסן סיי וועלכע נייעס, אָדער ליגט מען דערינען ראשו ורובו. ס'איז טאַקע דאָ אַסאַך אידן וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרעקלט פון דער גאַנצער סוגיא פון נייעס אַז **זיי האָבן זיך אָפּגעשאָקלט דערפון גענצליך, ער וויל נישט הערן און נישט וויסן גאָרנישט.** דאָס איז אַ געוואַלדיגע זאַך, אָבער לאָמיר זאָגן אַז דער מענטש האַלט נאָכנישט דאָרט, ער שפּירט אַז די מדריגה איז נאָכנישט פאַר אים. פיין, אָבער ס'בלייבט נאָך אַלץ די שאלה: **וויפיל פון דיין נפש ווערט אינוועסטירט אין די נייעס?!**

די זעלבע זאַך איז נוגע לגבי אַלע ענינים פון טעכנאָלאָגישע כלים. די שאלה איז: **וויפיל נפש לייגסטו דאָרט אַריין?!** וויפיל אינטערעסירט דיך עס?! ס'נעמט איבער דיין נפש?!

די מדות פון קנאה תאוה וכבוד האָבן דעם נאַטור אַז ס'נעמט איבער דעם מענטש, עס אינטערעסירט אים זייער שטאַרק, ער איז שטאַרק אדוק און מחובר דערצו. אָבער וויפיל מער אַ איד שאָקלט זיך אָפּ פון די הבלי עולם הזה, **אַזויפיל וועלן זיינע חלקי הנפש צוריקגיין צום אָריגינעלן מקור.** די חלקי הנפש וועלן זיך צוריק אַריינלייגן אין זיין תהלים זאָגן, ס'וועט זיך צוריק אַריינלייגן אין זיין לימוד התורה, ס'וועט זיך צוריק אַריינלייגן אין זיין דאַווענען. די כוחות הנפש וועלן גיין אויפ'ן ריכטיגן אָרט.

ה

## **וירד משה ויקדש את העם;** די גרויסע נסיון פון אידישע קינדער ביי דער מצוה פון 'הגבלה'

### מצוות הגבלה איז קעגן די נאַטור פון אידן

ס'איז דאָ אַ הייליג וואָרט וואָס מ'זאָגט נאָך פון דעם **קאָצקער רבי** זי"ע, אויף דעם וואָס השי"ת איז אַרומגעגאַנגען צו אַלע אומות העולם פרעגן צי זענען זיי מסכים צו מקבל זיין די תורה, און פאר יעדע פאָלק האָט ער געזאָגט אַ זאַך וואָס וועט זיין דאָס שווערסטע פאר זיי. **לכאורה, וואָס איז מיט אידן?!** מ'וואָלט אויך געדאַרפט זאָגן פאר אידן אַ מצוה וואָס איז שווער פאר זיי, כדי צו זען אויב זיי זענען באמת גרייט. ווען נישט, קענען דאָך די אומות העולם האָבן אַ טענה: פאר אונז האָט השי"ת מציע געווען שווערע זאַכן, דערפאַר האָבן מיר געזאָגט ניין, אָבער די אידן האָט מען נישט מנסה געווען פאַרדעם מיט אַ זאַך וואָס איז קעגן זייער מהות?!

האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט אַז **אידן האָבן טאַקע יאָ באַקומען אַ שווערע מצוה, וואָס איז היפוך טבעם.** דאָס איז די אזהרה פון 'והגבלת את העם סביב לאמור השמרו לכם עלות בהר' - אַז מ'טאָר נישט צוגיין צום באַרג סיני. דאָס איז ממש פאַרקערט פון דער אידישער נאַטור, ווייל **די גאַנצע תשוקה פון אַ איד איז דאָך צו נתקרב ווערן לאביהם שבשמים**, און ווען מ'האָט זיי געהייסן שטיין ווייט, איז דאָס געווען די שווערסטע זאַך פאר זיי.

### די טיפערע באַדייט פון 'פרישה'

דער שם משמואל ברענגט אַראָפּ דאָס וואָרט בשם זיין פאָטער דער **אבני נזר** זי"ע, און ער לייגט צו אַ פלא'דיגע זאַך. אַז בעפאָר מתן תורה האָבן אידן באַקומען צוויי מצוות. **פרישה** -מ'זאָל זיך פורש זיין אין שטוב. און **הגבלה** - מ'זאָל נישט אַרויפגיין אויפ'ן באַרג.

פאַרוואָס האָט השי"ת געגעבן די מצוה פון פרישה?! מיר זענען צוגעוואוינט צו זאָגן אַז די טעם דערפון איז, ווייל ווען אַ איד גייט לערנען תורה דאַרף ער זיין הייליג און אָפּגעשיידט פון אַלע ענינים פון תאוות עולם הזה. אָבער דער שם משמואל איז

מסביר אַז ס'גייט טיפער. דער אויבערשטער האָט געגעבן די מצוה פון פרישה, צו מבטל זיין אַלע אהבת חיצוניות, **כדי אַז דער מענטש זאָל קענען אַריינלייגן זיין גאַנצע אהבה אין תורה!** ס'זאָל נישט זיין קיין שום אהבה צו אַנדערע זאַכן און אַלעס זאָל קענען אַריינגיין אין תורה.

דאָס הייסט אַז די תכלית פון מצוות פרישה איז נישט 'וואָס נישט'. **די טעם פון פרישה איז: 'וואו יאָ'.** מ'זאָל יאָ נוצן די אהבה אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ. ביי עולם הזה - נישט. און ביי רוחניות - יאָ.

### בכל לבבך - אַוועקגעבן די אהבה פאר השי"ת

בדרך אגב, דער **אור החיים הק'** אויפ'ן פּסוק 'ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך', איז שטאַרק מרחיב אויף דער נקודה, אַז אַ איד דארף קענען נעמען אַלע זיינע אהבות און דאָס אַריינלייגן אין אהבת ה'. דער אוהחה"ק זאָגט דאָרט אַז ווען אַ מענטש האָט קינדער, ווערט אַביסל פון זיין אהבה צעטיילט ווייל ער האָט ליב זיינע קינדער. דער אוהחה"ק אַליין האָט דאָך נישט געהאַט קיין קינדער, און ער איז מעיד אַז ווען דער רבוש"ע נעמט צו אַזאַ באַליבטע זאַך ווי קינדער, קען אַ איד זאָגן: **"אָה, אַנשטאָט ליב האָבן יענע זאַך, וועל איך יעצט קענען ליב האָבן דעם אויבערשטן מיט מיין גאַנצע ליבשאַפט".**

דאָס איז אַ געוואַלדיגע חיזוק פאר יעדן איד, ווען דער רבוש"ע נעמט אים חלילה אַוועק אַ נאָנטער קרוב ל"ע, האָט דער מענטש ביז יעצט געהאַט אַ גרויסער חלק פון זיין נפש וואָס האָט געשפּירט אהבה צו דעם קרוב, אָבער אַצינד ווען השי"ת האָט מחליט געווען דאָס צוצונעמען, קען אַ איד דאָס נוצן און אַריינברענגען מער אין אהבת ה'.

### דוקא נאָך 'פרישה' איז 'הגבלה' געווען אַזאַ גרויסער נסיון

על כל פּנים, זאָגט דער שם משמואל ווייטער, אַז נאָכ'ן מקיים זיין די מצוה פון פרישה **איז די אהבה פון אידישע קינדער צו השי"ת געווען 'עצומה מאוד מאוד, בכלות הנפש ממש'**, און דוקא דעמאָלט האָבן זיי באַקומען דעם ציווי אַז מ'דאַרף שטיין פונדערווייטנס, וואָס דאָס איז יעצט געווען 'היפוך טבעם לגמרי'. און אָט דאָס איז טאַקע געווען דער גרויסער נסיון.

דאָס הייסט אַזוי: צוערשט האָט השי"ת געמאַכט אַז אַלע חלקי הנפש פון אידישע קינדער זאל אַריינגיין אין אהבת ה'. און **הערשט נאָכדעם האָט ער זיי געזאָגט: 'והגבלת'**, אַז מ'זאָל שטיין ווייט פון דעם באַרג.

אידישע קינדער האָבן דעמאָלט געדאַרפט ווייזן אַז זיי זענען בטל **צו וואָס דער רבוש"ע וויל, נישט צו וואָס 'איך' וויל.** אַז דער אויבערשטער זאָגט אַז מ'דאַרף שטיין ווייט, וועל איך נעמען די גאַנצע אהבה און כ'וועל דאָס נוצן צו שטיין פונדערווייטנס! ווייל איך האָב ליב וואָס השי"ת זאָגט, און נישט וואָס איך שפּיר אַז כ'וויל זייער שטאַרק טון. דאָס איז אַ געוואַלדיגע הויכע מדריגה פון אמת'ע קבלת עול, און דאָס קען טאַקע ברענגען צו אַ קבלת התורה.

### געבעטן 'אהבה רבה' כדי צו באַקומען השתוקקות אויף תורה

דער שטיקל שם משמואל איז אַ השלמה צו דער אויבנדערמאַנטער נקודה, אַז **די בעסטע הכנה צו קבלת התורה, איז ווען אַ מענטש דערהערט און איז משים לב וואו עס געפינען זיך זיינע חלקי הנפש.** וואו ציעט מיין האַרץ? וואָס אינטערעסירט מיר? וועגן וואָס טראַכט איך? און ווען דער איד איז מחליט אַז ער וויל ווייניגער זיך אינטערעסירן אין אַלע אַרומיגע זאַכן, ער וויל אַז זיינע כוחות הנפש זאָלן גיין בלויז פאר עבודת ה'. איז דאָס די שטאַרקסטע הכנה צו מתן תורה.

ס'איז ידוע די מימרא פון הרה"ק רבי **מענדעלע רימנובער** זי"ע אַז וואָס האָבן אידן געטון אין די שלשת ימי הגבלה? זיי האָבן מתפּלל געווען 'אהבה רבה' נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

לויט דעם יסוד, פאַרשטייט מען טאַקע פאַרוואָס אידן האָבן דעמאָלט אַזויפיל געדאַוונט אויף תורה, ווייל זיי האָבן געוואָלט מגדיר זיין ביי זיך אַליין: וואָס אינטערעסירט מיר? ווען מ'איז עוסק אין תפלה אויף אַן ענין און מ'בעט זיך דערפאַר, **פאַרשטאַרקערט מען די תשוקה צו יענע זאַך און אויטאָמאַטיש פאַלט אַוועק די תשוקה צו אַנדערע זאַכן.**

די ליכטיגקייט פון תורה איז זייער גרויס, אבער ווילאַנג מען איז פאַרנומען מיט אַנדערע תשוקות, האָט מען נישט די כלים אַריינצולאָזן דעם געוואַלדיגן אור. דערפאַר האָבן אידן אַזויפיל מתפּלל געווען 'אהבה רבה' ווייל **זיי האָבן געוואָלט באַקומען אַ תשוקה בלויז צו תורה,** וואָס דורכדעם האָט מען די כלים צו קענען מקבל זיין דעם אור התורה.



הִנֵּה כ"ק אאמו"ר זצללה"ה אָמַר דְּלֹא יִהְיֶה לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם טַעֲנָה וּתְבִיעָה מַדּוּעַ לָהֶם נֶאֶמְרוּ דְּבָרִים שֶׁהֵן הִפּוּךְ טִבְעָם, מַה כְּתִיב בָּהּ לֹא תִרְצָח לֹא תִנְאָף, וּלְיִשְׂרָאֵל לֹא נֶאֱמַר. דְּגַם לְיִשְׂרָאֵל נֶאֱמַר כָּזֶה, דְּטֶבַע יִשְׂרָאֵל הוּא שֶׁרוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְהַקְּדוּשָּׁה, וְנֶאֶמְרָה לָהֶם מִצְוַת הַגְבָּלָה לַעֲמֹד מֵרָחוֹק וְזֶה נֶגֶד טִבְעָם, עַל כֵּן נֶאֱמַר לָהֶם תְּחִלָּה מִצְוַת הַגְבָּלָה שֶׁהִיא הִפּוּךְ מִמִּדּוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁכָּל תְּשׁוּקָתָם הִיא הִתְקָרְבוּת לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וְנִצְטַוּוּ לַעֲמֹד מֵרָחוֹק, עכתדה"ק.

וְלִי יֵשׁ לְהוֹסִיף בָּהּ דְּבָרִים דְּמִצְוַת פְּרִישָׁה הָיְתָה לְבַטֵּל כָּל אַהֲבוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וְשָׁבָה כָּל הָאַהֲבָה לְשָׁרְשָׁהּ, וע"כ הָיְתָה אָז אַהֲבָתָם להשי"ת עֲצוּמָה מְאוֹד מְאֹד בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ מַמָּשׁ, וְאָז דַּוְקָא נִצְטַוּוּ לַעֲמֹד מֵרָחוֹק, וְזֶה הִפּוּךְ טִבְעָם לְגַמְרֵי וְנִסָּיוֹן גָּדוֹל מְאוֹד.

ו

# עבדהו בתורתו; פרישות מיט ביטול איז די הכנה צו 'לימוד התורה' און 'ידיעת התורה'

### 'לימוד התורה' אפילו אויב מען פאַרגעסט

נאָך אַ נקודה נפלאה שטייט אין ספה"ק 'שם משמואל' (שבועות תרע"ה), אַז אין מצוות תלמוד תורה איז דאָך פאַרהאַן צוויי חלקים: די מצוה פון 'לימוד התורה' און די מצוה פון 'ידיעת התורה'. און אַ מענטש דארף דערהערן אַז **דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן וואָס זענען נישט פאַרבינדן איינס מיט די אַנדערע.** לימוד התורה איז אַ מצוה פאר זיך, וואָס מ'איז מחויב מקיים צו זיין, אפילו אויב נאָכדעם געדענקט מען גאָרנישט וואָס מ'האָט געלערנט.

אַזוי שטייט אין **ספרי:** 'ולעבדו בכל לבבכם - זה תלמוד, עבדהו בתורתו עבדהו במקדשו'. **לימוד התורה ווערט אָנגערופן אַן עבודה,** ס'איז נישט קיין לייכטע זאַך ווען אַ מענטש לערנט און נאָכדעם פאַרגעסט ער אַלעס ווייל ער האָט אַ שוואַכע זכרון. אָבער מצוות לימוד התורה האָט ער מקיים געווען!

### מ'באַקומט דעם תיקון בלויז פון לערנען

דעם שם משמואל זאָגט אַז דאָס איז פּונקט אַזויוי 'עבודת הקרבנות', וואָס דער קרבן ווערט נתעכל און ס'בלייבט גאָרנישט דערפון, אָבער דער וואָס האָט מקריב געווען דעם קרבן האָט באַקומען אַ כפּרה ווייל ער האָט געטון אַ פּעולה פון הקרבה. דאָס זעלבע איז ביי לימוד התורה, **מען מאַכט דעם תיקון בשעת מ'לערנט, אפילו אויב נאָכדעם בלייבט עס נישט!**

דער שם משמואל שמועסט אויס, אַז לו יצוייר, אַ מענטש זאל געדענקן די גאַנצע תורה אָן קיין לערנען. צום ביישפּיל אויב דער מלאך וואָלט אים נישט געגעבן דעם 'סטרו על פיו בשעת יציאתו',

און ער וואָלט געדענקט כל התורה כולה וואָס ער האָט געלערנט פאַר'ן געבוירן ווערן, וואָלט ער טאַקע געהאַט 'ידיעת התורה', **אָבער לימוד התורה האָט ער נישט**. די מצוה פון לימוד התורה איז אן עבודה פאר זיך, צו זיצן און פרובירן אַריינצונעמען די תורה אין זיך.

### לעתיד לבא וועט מען צוריק דערמאַנען אַלע תורה

ווייטער ברענגט דער שם משמואל אַראָפּ וואָס רבי **חיים וויטאַל** זי"ע זאָגט אין פרי עץ חיים (שער הנהגות הלימוד) און אַזוי שטייט אויך אין **שלחן ערוך הרב** (הלכות ת"ת פ"ב ה"ו) אַז **אויבן אין הימל וועט מען דערמאַנען פאַר'ן מענטש אַלע תורה וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט און פאַרגעסן**. יעדע זאַך וואָס אַ מענטש האָט געלערנט, אפילו אויב ער האָט דאָס שפּעטער פאַרגעסן, וועט מען אים דאָס דערמאַנען לעתיד לבא.

מ'זעט דערפון אַז טראָצדעם וואָס דער מענטש פאַרגעסט, אָבער **אין דעם פנימיות פון זיין מח איז געבליבן אַ רשימא פון דער תורה**. ווייל אַז נישט וואָלט מען אים דאָס נישט געקענט דערמאַנען. פונקט אַזוויע ביי תחיית המתים דאַרף זיין דאָס ביינדל 'לוז' כדי צו קענען צוריק מחי' מתים זיין דעם גאַנצן מענטש, דאָס זעלבע איז געבליבן עפּעס אַ רושם פון יעדע תורה וואָס מ'האָט אַמאָל געלערנט. און יענע רישומא וועט צוריק אויפלעבן די גאַנצע תורה.

### די מצוה פון 'ידיעת התורה' – ס'זאָל שורה זיין אלוקות

נאָכדעם איז דאָ אַ באַזונדערע צווייטע מצוה פון 'ידיעת התורה', וואָס דער שם משמואל איז מסביר אַז דער תכלית פון דער מצוה איז, אַז **די תורה זאל ריען ביי דעם מענטש**. תורה איז דאָך אַ שטיק געטליכקייט, און ווען אַ איד האָט די תורה אינעווייניג אין מח און אין הארץ, איז יעצט דאָ ביי אים געטליכקייט. ער האָט געגעבן אַ נשמה פאר זיין נשמה! ער האָט אַריינגעלייגט חיות אלקות אין זיין נפש.

בקיצור: ווען אַ מענטש לערנט און פאַרגעסט, איז ער מקיים די מצוה פון 'לימוד התורה', אָבער ער האָט נישט די מצוה פון 'ידיעת התורה'. און ווען אַ מענטש וואָלט געדענקט תורה אָן לערנען, וואָלט ער געהאַט דעם ענין פון 'ידיעת התורה', אַז די תורה ליגט ביי אים, אָבער ער האָט נישט די מצוה פון 'לימוד התורה'. דאָס זענען צוויי עקסטערע חלקים פון תורה.

### 'פרישה' איז געווען אַ הכנה צו 'ידיעת התורה'

זאָגט דער שם משמואל אַז די צוויי מצוות פון 'פרישה' און 'הגבלה' זענען געגעבן געוואָרן **כדי צוצוגרייטן אידישע קינדער צו אָט די ביידע חלקים פון תורה**.

טאָמער אַ מענטש וויל האָבן דעם חלק פון 'ידיעת התורה', אַז די תורה זאל ריען און זיך האַלטן אויף אים, **דאַרף ער האָבן אַ גוף טהור**, כדי זיך צו קענען פאַראייניגן מיט דער תורה. **מ'דאַרף האָבן פרישות און נישט ליגן אין קיין תאוות**. ווייל אויב דער גוף איז פאַרגראָבט קען די תורה נישט זיין דאָ. אַ רוחניות'דיגע זאַך קען זיך נישט האַלטן אין אַ גשמיות'דיגן גוף, עס ווערט אַוועקגעשטופּט.

## די גאַנצע מצוה פון לימוד התורה איז געבויעט אויף דעם יסוד אַז מ'זאל דערהערן אַז 'איך בין דאָ דער תלמיד'

דערפאַר האָט השי"ת געזאָגט פאַר אידישע קינדער: איך גיב אייך די תורה, אָבער **כדי ס'זאָל קענען בלייבן ביי אייך, קענט איר נישט זיין פאַרגראָבט**. די תורה קען נאָר ריען אויף אַ קדושים תהי'דיגער סאָרט איד, זעט אַז ענקערע גופים זאָלן זיין אידעל, אַז ס'זאָל קענען פאַרנעמען די נשמה.

### 'הגבלה' איז געווען אַ הכנה צו 'לימוד התורה'

די מצוה פון 'פרישה' איז אַלזאָ כלפּי דעם חלק פון 'ידיעת התורה'. אָבער נאָכדעם איז געווען די מצוה פון 'הגבלה', **וואָס דאָס איז געגעבן געוואָרן כלפּי דעם חלק פון 'לימוד התורה'**. ווייל ווען אַ איד וויל מאַכן די כלים צו לימוד התורה דאַרף ער האָבן יראת שמים.

**יראה איז טייטש אַז דו ביסט אַ תלמיד** און דו קומסט מיט אַ געוואַלדיגע ביטול צום לערנען: **איך פאַרשטיי גאָרנישט, איך בין נישט גערעכט, איך בין בלויז געקומען הערן און מקבל זיין!** ווען מ'וויל לערנען תורה ריכטיג איז נישט גענוג בלויז צו האָבן פרישות, מ'דאַרף אויך האָבן יראה מיט ביטול.

שטעלט זיך פאר אַז אַ בחור אין ישיבה קומט אַריין צום שיעור נאָך אַ געוואַלדיגע הכנה פון פרישות. ער האָט אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים און ער איז געווען אין מקוה, ער קומט אַריין אַזוי מיט די נאַסע פיאות און ער שאָקלט זיך מיט אַ גאַרטל, אָבער ער הערט נישט אויס וואָס דער מגיד שיעור זאָגט... ער האָט אַ תהלים אונטער די גמרא, ער האָט דאַרט פאַרשידענע שמות און סגולות. אַלעס איז זייער גוט אַז ס'זאָל קענען ריען אויף דער נשמה הייליגקייט, אָבער צדיק, **אויב דו ווילסט יעצט מקיים זיין 'לימוד התורה', דאַרף מען אַרויסנעמען אַן אַנדערע סעט פון כלים!** לייג אַוועק דעם תהלים אין דער זייט, און פאַרשטיי אַז דו ביסט בעצם מזלזל אין דעם מגיד שיעור דערמיט וואָס דו ביסט יעצט פאַרנומען צו זאָגן תהלים אינמיטן דעם שיעור, קום אַריין מיט אַ יראה און אַ ביטול!

### די אָפּטייטש פון יראה: הכנעה

דערפאַר ווערט לימוד התורה אָנגערופן אַן 'עבודה', ווייל מ'קומט יעצט מקבל זיין. **דער לומד תורה שטייט דאָ ביים באַרג סיני מיט אַן הכנעה און ער וויל הערן**. דער שם משמואל זאָגט אַז ביים בית המקדש שטייט אויך דאָס לשון 'ומקדשי תיראו', ווייל די אָפּטייטש פון 'יראה' איז, **ווען דער מענטש פאַרשטייט אין וועמענס קעגנוואַרט ער געפינט זיך יעצט**. טאָמער דער מענטש באַמערקט נישט אַז ער שטייט נעבן אַ לייב, לאַכט ער אַרום. אָבער ווען ער באַמערקט וואו ער געפינט זיך, פאַלט אויף אים אַ יראה, ווייל ער פאַרשטייט נעבן וועמען ער איז דאָ.

די זעלבע זאַך איז להבדיל ווען מ'שטייט נעבן אַן ערליכער איד, אַ צדיק אָדער אַ תלמיד חכם, אָדער ווען מ'געפינט זיך אין אַ מקום קדוש ווי אַ ביהמ"ד. אַ מענטש וואָס האָט יראה איז פּשט דערפון **אַז ער האָט געכאַפּט וואו ער געפינט זיך**. ער האָט דערהערט אין וועלכע סאָרט מציאות ער איז יעצט. ער פאַרשטייט אַז מ'קען נישט דאָ מאַכן קיין שחוק וקלות ראש, ווייל ס'איז אַ הייליגע פלאַץ.

### מיט יראה און הכנעה קען מען מקבל זיין תורה

יראה איז די כלי וואָס מ'דאַרף האָבן צו 'לימוד התורה'. ווייל ווען דו פאַרשטייסט אַז דער רבי איז קלוגער און חשוב'ער פון דיר, עפנט מען אויף די אויערן צו הערן וואָס ער לערנט. **די גאַנצע מצוה פון לימוד התורה איז געבויעט אויף דעם יסוד אַז מ'זאל דערהערן אַז 'איך בין דאָ דער תלמיד'**. דאָס הייסט יראה.

עס זענען געווען צדיקים וואָס ווען מ'איז זיי געקומען בעטן ברכות זייענדיג אין מירון האָבן זיי געזאָגט: "דו ווייסט נישט וואו מען געפינט זיך?! דו ביסט דאָ ביי רבי שמעון! דו דערהערסט נישט וואו דו ביסט! גיי צו אים פועל'ן די ישועה!". - ווען אַ מענטש כאַפּט נישט וואו ער איז, דעמאָלט האָט ער נישט קיין יראה, און **דעריבער לערנט ער נישט געהעריג מיט די ריכטיגע ביטול**. דערפאַר האָבן אידן באַקומען די צוויי מצוות פון 'פרישה והגבלה', אַז זיי זאָלן האָבן ריכטיגע כלים סיי פאר 'לימוד התורה' און סיי פאר 'ידיעת התורה'.

דאָס איז משלים די נקודה וואָס מ'האָט אָנגעהויבן, אַז מ'דאַרף אַוועקגעבן אַלע כוחות הנפש פאר תורה ועבודה. די וועג וויאַזוי צו מאַכן אַ ריכטיגע הכנה צו קבלת התורה איז דורכדעם וואָס אַ מענטש לערנט אָפּ: **וואָס טוט זיך מיט מיין אהבה ויראה?!** יעדער איינער האָט אהבה מיט יראה, די פּראָבלעם איז ווען די 'אהבה' איז צו אַ שטיקל פלייש, און די 'יראה' איז פון דעם באַלעבאָס ביי דער אַרבעט... אָבער ווען מ'דרייט דאָס איבער און מ'לייגט אַריין די אהבה ויראה אויפ'ן ריכטיגן פלאַץ, ווערט מען אַ מקבל, **און דורכדעם איז מען אַ כלי וואָס איז ראוי אויף דביקות**. דו בויעסט זיך איבער די חלקי הנפש צו קענען לערנען תורה, נישט ווי פרעה האָט געוואָלט, נאָר מיט די ריכטיגע הכנה פון שלשת ימי הגבלה אַזוי ווי משה רבינו האָט געוואָלט.

## צבי ואתרעי בן ומסר לן אורייתא;

הצלחה בתורה - בלויז אויב מען אַנערקענט אַז די תורה איז 'אין סוף'

יום חמישי פרשת נשא ז' סיון תשפ"ד

א

# כמוצא שלל רב; די תורה איז ווי אן ענדלאָזער אוצר וואָס מ'קען נישט פולקאָם באַקומען

### מער פון געלט אָדער אַזויווי געלט

ס'איז דאָ אַ הייליג שטיקל אין ספה"ק **אור יצחק**, פון הרה"ק רבי **יצחק מראַדוויל** זי"ע (בן הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאָטשוב זי"ע) וואָס האָט אַ שייכות מיט אַלע ענינים פון דעם יום טוב שבועות: עס רעדט זיך איבער דער צוגאַנג צו **לימוד וקיום התורה**; ס'איז אַ וואָרט פון דעם הייליגן **בעל שם טוב** וואָס זיין יאָרצייט איז היינט; און ס'איז אַ פירוש אויף אַ פסוק אין **תהלים פון דוד המלך** ע"ה וואָס איז נסתלק געוואָרן שבועות.

דער אור יצחק ברענגט וואָס דער בעש"ט הק' האָט געפרעגט, אַז לכאורה איז דאָ אַ סתירה צווישן צוויי פסוקים אין תהלים. אין איין פסוק זאָגט דוד המלך (קיט, קסב): **שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרָתֶךָ כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב** - די תורה איז **דאָס זעלבע** ווי אַ גרויסער אוצר פון געלט. די תורה איז 'שוה בשוה' מיט 'שלל רב' און נישט מער. אָבער אין אן אַנדערע פסוק אין תהלים שטייט (יט, יא): **הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב** - אַז די תורה איז **אַסאַך מער ווערד** פון אַלע טייערע גאָלד. דאַרף מען פאַרשטיין פשט: איז די תורה בלויז 'אַזויווי' אַ גרויסע פאַרמעגן, אָדער איז די תורה 'מער' פון זָהָב וּפָז רב?!

### מ'לאָזט איבער טויזנט מאָל מער וויפיל מ'נעמט

נאר, האָט דער בעש"ט הק' דאָס מסביר געווען מיט אַ משל צו איינער וואָס האָט אַמאָל געטראָפן אַ ריזיגער אוצר פון טייערע גאָלד און געלט. אָבער **דער אוצר איז געווען אַזוי גרויס אַז ס'איז אים געווען אוממעגליך צו נעמען דאָס גאַנצע.** דעריבער האָט דער מענטש כאָטש איינגעפּאַקט וויפיל ס'איז געווען שייך, לויט וויפיל כלים ער האָט געהאַט.

אַצינד, בשעת ווען דער מענטש נעמט פון דעם אוצר, **האָט ער אודאי אַ געוואַלדיגע שמחה דערפון**, אַז ער פאַרדינט אַזויפיל טייערע פאַרמעגנס. אָבער גלייכצייטיג זענען די געפילן פון שמחה **בטל אין דעם צער וואָס ער האָט**, וואוסנדיג אַז וויפיל ער נעמט, **לאָזט ער איבער אַסאַך מער**, וואָס ער קען נישט נעמען.

דאָס לשון פון דעם אור יצחק איז, אַז דער מענטש האָט אַ גרויסע ווייטאָג אויף דעם פאַרמעגן וואָס ער דאַרף איבערלאָזן, און **דער צער איז 'אלף פעמים יותר' פון דער שמחה אויף דעם פאַרמעגן וואָס ער נעמט יאָ מיט אַהיים.** 'והצער ההוא גדול יותר מן זו השמחה שמצא את האוצר'.

### דאָס געפיל ווי מ'האָט געטראָפן אַ געוואַלדיגן אוצר

לויט דעם האָט בעש"ט הק' געזאָגט פשט: **שש אנכי על אמרתך** - אַ איד האָט אַ געוואַלדיגע שמחה ווען ער איז קונה עפּעס פון דער תורה, אָבער ס'איז **כמוצא שלל רב** - די שמחה איז אויסגעמישט מיט אַ צער, פּונקט ווי איינער וואָס האָט געטראָפן אַ גרויסן אוצר, און ער ווייסט אַז וויפיל ער באַקומט פון דעם אוצר, לאָזט ער איבער אַסאַך מער.

דאָס איז דער הסבר אין די צוויי פסוקים: **אודאי איז די תורה אַסאַך מער ווערד ווי אַלע גאָלד און פאַרמעגן**, 'הנחמדים מזהב ומפז רב'. אָבער ווען דער פסוק זאָגט 'כמוצא שלל רב', רעדט מען נישט כלפּי דעם חלק השמחה פון דער תורה וואָס דאָס איז אַסאַך מער ווי שלל רב. דער פסוק רעדט כלפּי דעם חלק הצער, אַז ווען אַ איד לערנט תורה לשמה, האָט ער אַלעמאָל דעם געפיל **אַזויווי איינער האָט געטראָפן אַ גרויסער אוצר און ס'בלייבט איבער גאָר אַסאַך.** ער ווייסט אַז ער האָט ממש גאָרנישט אָנגערירט קעגן וויפיל ס'איז געבליבן.

### אַ געזונטער נפש דערהייבט צוויי קעגנזייטיגע סאָרט געפילן

דער הייליגער בעש"ט הק' זאָגט אונז אַז ווען אַ מענטש לערנט תורה לשמה, **דאַרף ער האָבן געמישטע געפילן.** ס'דאַרף זיין ביי אים צוויי סאָרט געפילן וואָס זענען זיך סותר איינס מיט די אַנדערע.

במאמר המוסגר איז וויכטיג צו וויסן, אַז כדי צו זיין אַן ערליכער איד, דאַרף אַ מענטש זיך אויסלערנען וויאַזוי צו האָבן די צוויי געפילן אין דער זעלבער צייט. **נישט נאר לגבי תורה, נאר לגבי יעדע זאַך פון עבודת ה'.**

צום ביישפּיל: נאָכדעם וואָס אַ איד האָט מקיים געווען אַ מצוה, דאַרף ער האָבן דעם הרגש, **אַז ס'האָט דאָ עפּעס געפעלט פון דעם שלימות המצוה.** ער דאַרף וויסן און באַמערקן אַז ס'איז געווען מחשבות זרות וכדומה, און די מצוה איז נישט געווען בשלימות. אַ מענטש קען קיינמאָל נישט זאָגן אויף זיך אַז ער איז געווען אַ מושלם. אָבער אין דער זעלבער צייט **דאַרף ער זיך אויך מורא'דיג שטאַרק פרייען** אַז ער האָט געהאַט די געוואַלדיגע זכות און געלעגנהייט, אַז השי"ת האָט אים געלאָזט מקיים זיין די מצוה **וואָס מ'קען בכלל נישט באַגרייפן די גרויסע זכי' דערפון.**

דער רבוש"ע האָט אַזוי געבויעט דעם נפש האדם, אַז **אויב דער מענטש איז געזונט קען ער האָבן צוויי קעגנזייטיגע געפילן אין דער זעלבער צייט.** אַסאַך מענטשן זענען נישט געוואוינט דערצו, זיי ווייסן נישט וויאַזוי מאַכט מען דאָס. "אָדער בין איך צעבראָכן אינגאַנצן, אָבער בין איך גענצליך פריילך און כ'בין מסיח דעת פון אַלע אַנדערע זאַכן"... אָבער **דאָס גאַנצע מהות פון אידישקייט אַרבעט אויף דעם אופן**, ווי דער **חובת הלבבות** זאָגט (שער הפרישות פרק ד) אַז דער פּרוש איז 'צהלתו בפניו ואבלו בלבו'. אין דער זעלבער צייט האָט ער ביידע געפילן פון אבילות און פון שמחה.

### וגילו ברעדה - שמחה מיט צעבראָכנקייט איז נישט קיין סתירה

מיר האבן דאך אַ מצוה פון 'והלכת בדרכיו', צו גיין אין די וועגן פון דעם אויבערשטן, און ביים רבוש"ע זעט מען דעם ענין, ווי די **גמרא** זאָגט (חגיגה ה, א) אַז אין די אינעווייניגסטע שטיבער 'בבתי גואי' איז דאָ כביכול אַ געוואַלדיגע צער אויף דעם וואָס כנסת ישראל איז אין גלות, און בו בזמן איז דאָ כביכול אַ געוואַלדיגע שמחה אין די דרויסנדיגע שטיבער 'בבתי בראי' - דאָרט איז 'עוז וחדוה במקומו'. **אין דער זעלבער צייט איז דאָ ביידע.**

אַזוי זאָגן אויך **חז"ל** (ברכות ל, ב) אַז מ'דאַרף אַלעמאָל מקיים זיין 'וגילו ברעדה' - במקום גילה שם תהא רעדה. די גמרא דערציילט דאָרט אַז אביי האָט געזען וויאַזוי רבא איז זייער פריילך, האָט ער אים מעורר געווען: 'וגילו ברעדה כתיב'. האָט אים רבה געענטפערט: 'אנא תפילין מנחנא'. און רש"י איז מסביר פשט פון רבא'ס תשובה צו אביי: זאָרג זיך נישט אַז מיין שמחה איז צופיל און עס פעלט די יראת שמים דערפון. ווייל בשעת מעשה האָב איך יעצט אויך אָנגעטון תפילין אויף מיר, וואָס דאָס ברענגט אַ שטאַרקע יראה אויפ'ן מענטש. **אויב אַזוי שטיי איך פּונקט אינמיטן.** כ'האָב די געוואַלדיגע שמחה, און כ'האָב אויך די גרויסע יראת שמים פון תפילין.

אַ איד דארף קענען האָבן ביידע געפילן אויף אַמאָל. און אַ געזונטער נפש האָט די מעגליכקייט דערצו. **דער רבוש"ע האָט אַזוי באַשאַפן אַ מענטש, אַז ער קען שפּירן ביידע סאָרט הרגשות אויף איינמאָל.** אין דער זעלבער צייט דאַרף ער קענען זאָגן 'ברוך דיין האמת' און אויך 'ברוך הטוב והמטיב'. מ'דאַרף אָנהויבן זיך מרגיל זיין און דערהערן וויאַזוי מ'מאַכט דאָס, ווייל ביידע געפילן זענען אמת. **אַלעמאָל דאַרף מען האָבן יראה און אַלעמאָל דאַרף**

**מען האָבן אהבה.** אַזוי זעט מען אויך אין דעם זמר פון 'קה אכסוף' אַז שב"ק האָט אין זיך סיי דער ענין פון יראה: 'משוך נועם יראתך', און סיי דער ענין פון אהבה: 'שבת קודש נפשי חולת אהבתך'. ווייל ביים רבוש"ע איז דאָ ביידע אַלעמאָל.

דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו אונזערע אייגענע רגשי הלב, **דאַרף אַ מענטש לעבן אַזוי, אַז ער שפירט שטענדיג ביידע הרגשים אין דער זעלבער צייט.** דאָס האַלט דעם מענטש אין די ראַמען, אַז ער זאָל שטענדיג זיך געפינען אין אַ גוטע תפארת'דיגע מצב. נאָר אַזוי קען אַ מענטש מקיים זיין דעם 'והלכת בדרכיו', ווען ער האָט ביידע געפילן אויף איינמאָל.

### שמחת התורה אויסגעמישט מיט אַ צער

דער בעש"ט הק' לערנט אָפּ די פסוקים פון תהלים, אַז דאָס ברענגט אַרויס אָט די נקודה. אין איין פסוק רעדט דוד המלך וועגן די שמחה וואָס אַ איד איז מרגיש ווען ער לערנט תורה, די מורא'דיגע חשיבות וואָס ער שפירט ווען ער איז זוכה זיך צו מדבק זיין אין דער חכמה פון דעם רבוש"ע: **הנחמדים מזהב ומפז רב!** ער לערנט אַ שטיקל תורה, וואָס ס'זאָל נאָר זיין; ער לערנט חומש רש"י, ער לערנט משניות, און **ער דערהערט אַז דאָס זענען דיבורים פון דעם רבוש"ע!** ער כאַפּט אַז יעצט איז הקב"ה יושב ושונה כנגדו! דאָס ברענגט אים אַ מורא'דיגע שמחה.

אָבער גלייכצייטיג מוז אויך זיין די אַנדערע געפיל וואָס שטייט אין דעם פסוק 'כמוצא שלל רב', **אַז וויפיל ער האָט דאָ געלערנט האָט ער נאָכנישט אָנגערירט כלפי וויפיל ס'איז איבערגעבליבן.**

דער משל דערציילט וועגן איינער וואָס האָט געטראָפן אַ גרויסן אוצר, און ער וויל נעמען נאָך אַסאַך מער, אָבער **ער האָט נאָר צוויי הענט, ער איז זייער באַגרעניצט.** דאָס זעלבע ווען אַ מענטש לערנט תורה. דאָ ליגט אַסאַך מער השגה וואָס זיין מח קען ווען משיג זיין; אַסאַך אַ טיפערע הבנה וואָס ער קען ווען דערהערן; אַסאַך מער ידיעות וואָס קען ווען אַריינגיין אין זיין קאָפּ, און בעיקר אַסאַך מער קדושה און רוחניות וואָס ליגט אין תורה, **אָבער זיינע כלים זייער באַגרעניצט.** דעריבער טוט דאָס אים וויי. ער ווייסט אַז וויפיל ער נעמט, איז דאָס ווייניגער ווי אַ טיפה מן הים.

אַ איד מוז צולייגן אָט דעם געפיל צו זיין שמחה וואָס ער שפירט בשעת לימוד התורה, און **דעמאָלט קען אויף אים געזאָגט ווערן ביידע פסוקים.** פון איין זייט איז די שמחה זייער גרויס: 'הנחמדים מזהב ומפז'. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַ צער: 'שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב'.

ב

## מה יעשה אדם ויחכם; דערהערן אַז ס'ליגט אַסאַך טיפערס אין תורה

### די הבנה אַז תורה איז אַסאַך מער ווי אונזער באַגרעניצטע שכל

ווען מ'זאָגט נאָך אַזאַ וואָרט פאַר'ן מענטש אַז יעדעס מאָל וואָס דו לערנסט דאַרפסטו האָבן צער, קוקט דאָס אַסאַך מאָל אויס ווי גאָר אַ הויכע מדריגה. דער מענטש זאָגט: "**ערשט לאָמיר לערנען, און הלואי זאָל איך זיך פרייען ווען כ'לערן...** נאָכדעם וועסטו רעדן מיט מיר וועגן דעם צער וואָס כ'דאַרף שפירן אַז ס'איז דאָ אַסאַך מער תורה".

די גאַנצע שמועס הערט זיך גאַנץ ווייט פון וואו מיר געפינען זיך. אָבער **באמת קען מען דאָס אַביסל אַראָפּברענגען צו אונזער דרגא. אַז מיר זאָלן אויך האָבן אַ שייכות דערצו**, הגם מיר שטיין נאָך אונטן און מיר דאַרפן נאָך גיין אַ לאַנגע וועג אָנצוקומען אַהין.

אין דעם הייליגן וואָרט פון דעם בעש"ט הק' איז דאָ אַ פשוט'ער יסוד וואָס דאָס איז בעצם אַ געוואַלדיגער שורש אין אידישקייט, אַז ווען אַ איד לערנט תורה, דאַרף ער פרובירן זיך דערמאָנען אַז די תורה איז נישט אַזוי ווי ער קוקט עס אָן, נאָר **ס'איז אַסאַך טיפער, הייליגער און העכער, ווי זיין שכל קען בכלל משיג זיין!** אַ מענטש דאַרף געדענקען יעדעס מאָל ווען ער לערנט סיי וועלכע לימוד, אַז יעצט בין איך דאָס משיג לויט מיין קליינע פּיצעלע מדריגה, אָבער באמת איז דאָ באַהאַלטן אַסאַך ברייטער און אַסאַך טיפער.

אָט די ידיעה אַליין, איז אַ געוואַלדיגער כלי, **אַז די רוחניות וואָס איז דאָ אין דער תורה, זאָל טאַקע אַריינגיין אין דעם מענטש**, מיט אַסאַך מער לעבעדיגקייט און טיפקייט.

### יעדער איד האָט די כלים צו השגת התורה

ס'איז קריטיש וויכטיג פאַר יעדן איינעם, אין סיי וועלכע מדריגה, צו וויסן דעם אמת, אַז **אַ איד מצד עצמו, האָט יאָ גענוג כלים צו קענען משיג זיין תורה!** יעדער איד האָט די מעגליכקייט צו משיג זיין די אמת'ע תורה, די פנימיות'דיגע תורה, דאָס אלוקות וואָס ליגט אין תורה, ווייל **ווי הויך די תורה איז, ביסטו אָבער פונקט אַזוי הויך!** קוב"ה אורייתא וישראל חד הוא. קומט אויס אַז וויפיל העכער דו פאַרשטייסט אַז די תורה איז, **אַזויפיל מער פאַרשטייסטו ווי הויך דו אַליין ביסט!** ס'גייט צוזאַמען ווייל ביידע זענען פון דעם זעלבן שורש, אַ איד מיט דער תורה גייט צוזאַמען.

דערפאַר איז עס טאַקע אַזאַ גוטער שידוך, **ווען נישט וואָלט נישט געווען דאָ קיין שלום בית.** ס'איז באַקאַנט דער נוסח הכתובה לשבועות פון דעם מקובל רבי **ישראל נג'אַרה** זי"ע, וואָס שילדערט דעם שידוך צווישן אידישע קינדער מיט דער תורה הק'. דאָס איז אַלעס געבויעט אויף **מדרשי חז"ל** אַז בשעת קבלת התורה איז פאַרגעקומען אַ חתונה צווישן דעם חתן מיט דער כלה.

נאָכמער שטייט אין **תשב"ץ** אַ דבר נפלא, אַז אַלע מנהגים און אַלע פרטים וואָס מיר פירן זיך צו טון ביי אַ חתן כלה, **קומט פון די פרטים וואָס זענען געווען ביי מתן תורה!** דאָס הייסט, ס'איז נישט פשט אַז מיר זענען מדמה קבלת התורה צו אַ חתונה פון אַ חתן וכלה, נאָר פאַרקערט, **אַ חתונה איז מען מדמה צו קבלת התורה!** אַזוי שטייט אין בעל הטורים (פרשת יתרו) אַז די תורה איז נקנה געוואָרן פאַר אידן 'בכסף שטר וביאה', און דער בעל הטורים איז מסביר וויאַזוי ס'איז דאָרט געווען אַלע דריי קניני קידושין.

אַלענפאַלס, די תורה מיט אידישע קינדער איז אַ מורא'דיגער זיווג, **ווייל ס'איז צוויי האַלבע זאַכן פון דעם זעלבן שורש וואָס דער רבוש"ע האָט צאַמגעברענגט.** קומט אויס אַז אויב ווייסט מען ווי הויך די תורה איז, **ווייסט מען אויך ווי הויך ס'איז אַ איד.** און אויב אַזוי האָט יעדער איד זיכער די כלים צו משיג זיין די תורה.

### דיינע כוחות ליגן נאָך באַהאַלטן

אויב אַזוי, שטעלט זיך די שאלה: אויב יעדער מענטש האָט יאָ די כלים צו משיג זיין דעם עומק התורה, פאַרוואָס זאָגט מען אים: "דו האסט נישט קיין השגה וואָס תורה איז, דו האסט נאָך בכלל נישט אָנגערירט די טיפקייט פון תורה. שפּיר דעם צער אַז דו האסט נאָר גענומען אַביסל און דו האסט איבערגעלאָזט אלף פעמים ככה"?!

די תשובה איז, ווייל **יעצט אויף דער מינוט האָט דער מענטש נאָכנישט אַרויסגעברענגט זיין אייגענעם פּאָטענציאַל.** דערווייל פאַרשטייט ער נאָר די תורה לויט די מדריגה וואו ער געפינט זיך יעצט. אַצינד ווען ער שטייט אויפ'ן ערשטן שטאַפּל, פאַרשטייט ער תורה אויף די יעצטיגע דרגא. שפּעטער ווען ער גייט אַרויפגיין מיט אַביסל אַ העכערע דרגא, און ער גייט איבערלערנען דעם זעלבן פסוק חומש, אָדער דעם זעלבן שטיקל גמרא, וועט **ער דאָס דערהערן אַסאַך טיפער**, לויט די דרגא וואו ער וועט דעמאָלט זיין.

דעריבער זאָגט מען פאַר'ן מענטש: **דו האסט אַלע כוחות אינעווייניג.** די שאלה איז אויב דו האסט שוין אַרויסגעברענגט דיין פנימיות מכח אל הפועל.

### מ'ווערט כסדר עלטער און מ'איז משיג מער

דאָס איז פונקט אַזוי ווי אַ יונגל לערנט אַ פסוק אין כתה א', שפּעטער לערנט ער דאָס איבער אַלס בחור, און דערנאָך אַלס יונגערמאַן. **יעדעס מאָל פאַרשטייט ער דאָרט נייע זאַכן.** הגם די אַלע הבנות איז שוין געווען ביי אים אינעווייניג אַגאַנצן צייט, אָבער זיין מח איז דעמאָלט נאָכנישט געווען גענוג ברייט אַז ער זאָל קענען דערהערן די תורה אַזוי ווייט און אַזוי טיף, דעריבער האָט ער דאָס דעמאָלט דערהערט בלויז לויט זיין דרגא.

די מלמדים און די עלטערן פלעגן כסדר זאָגן ווען אַ קינד האָט געפרעגט קשיות: "ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו עס קענען פאַרשטיין"... אָט די 'עלטער ווערן' ענדיגט זיך קיינמאָל נישט! **מ'דאַרף נאָר האפן אַז דער מענטש גייט מיט דערמיט, און** ער איז נישט

בלויז טעכניש עלטער געוואָרן. ווען דו וועסט עלטער ווערן און דו וועסט לערנען נאָכאַמאָל די זעלבע משנה, וועסטו דאָרט זען גאָר אַנדערע זאַכן.

מ'זעט דאָך וויאַזוי **צדיקים האָבן געזען אַזויפיל ליכטיגקייט און פנימיות אין יעדן פסוק.** צום ביישפיל ווען מ'לערנט אור החיים הק', טרעפט ער אין אַ פסוק אַלעס בדרך רמז דרוש סוד. דער אוהח"ק איז מסביר וויאַזוי יעדעס וואָרט און אות איז מרמז אויף עפעס, און יעדעס וואָרט איז ווי געגאָסן. ווייל ער האָט באמת געזען אַז אין דעם פסוק שטייט דער ענין, און אין דעם אַנדערן פסוק שטייט אַן אַנדערן ענין. לויט דעם פלאַץ וואו דער מענטש געפינט זיך, אַזויפיל מער השגה באַקומט ער אין תורה. **אָבער בעצם ליגט שוין אַלעס אינעווייניג אין דעם מענטש.**

## דורך אמונה קומט מען אָן צו טיפערע השגות

אַמאָל קען אַ מענטש טענה'ן: הייסט עס אַז די טיפע הבנה פון תורה ליגט שוין ביי מיר אינעווייניג, נאר כ'האָב עס נישט דערהערט, וויבאַלד כ'האַלט נאָכנישט אויף יענע דרגא, אָבער למעשה איז עס דאָך פאַרשלאָסן מיט צוויי שלעסער?! אַלע אַרומיגע הסברים איז בכלל נישט נוגע. במציאות בין איך דאָ אויף מיין פלאַץ, און כ'קען בלויז פאַרשטיין בלויז לויט מיין יעצטיגע דרגא. **דו זאָגסט אַז ס'איז דא אַסאַך טיפערע פנימיות אין תורה? הלואי כ'זאָל דאָרט אָנקומען!** אפשר איין טאָג וועל איך זיין אויף אַ העכערע מדריגה, אָבער דערווייל איז עס גענצליך פאַרשלאָסן פון מיר אין מיין יעצטיגן מצב.

דאָ קומט אַריין אַ מורא'דיגער יסוד וואָס שטייט פון דעם **חידושי הרי"ם** און פון אַנדערע ספרים הק', און בעצם ליגט דער יסוד אין די אויבנדערמאַנטע ווערטער פון דעם בעש"ט, אַז **דורך די אמונה וואָס אַ איד גלייבט, אַז ס'ליגט עפעס טיפער אין דער תורה, באַקומט ער אַ נגיעה צו די רוחניות'דיגע חלקים פון דער תורה** וואָס ער לערנט יעצט.

## מ'קען עס נישט מסביר זיין אָבער ס'שיינט

טראָצדעם וואָס אַ איד איז נאָכנישט אויף דער מדריגה אַז ער זאָל קענען אַרויסנעמען די קדושת התורה מיט אותיות, אָבער ער קען האָבן אַ שייכות דערמיט, **בתנאי אויב ער וועט צולייגן דערצו די אמונה אַז די תורה איז טיפער ווי מיין השגה!** אפילו אויב דו ווייסט נאָכנישט וואָס עס ליגט דאָ, אָבער די עצם זאַך אַז "איך גלייב באמונה שלימה אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַ מורא'דיגער אור", **דאָס אַליין ברענגט אַריין אין דיין נשמה פון דעם רוחניות** וואָס ליגט אין תורה - אָן קיין אותיות.

'אָן קיין אותיות' איז טייטש אַז דער מענטש קען עס נישט פונקטליך מגדיר זיין, ער קען דאָס נישט מסביר זיין, ער קען עס נישט אַרויסברענגען מיט קיין ווערטער, אָבער די הייליגקייט וואָס ליגט אין דעם שטיקל תורה, די 'מגנא ומצלא' וואָס ליגט דאָרט, **הייבט אים אויף און ס'גייט אַריין אין זיין נשמה!** די אמונה וואָס דו האסט אין דער קדושת התורה, איז דיך מקשר צו די טיפסטע חלקים וואָס איז דאָ דערינען. **דורך די אמונה ביסטו זיך מקשר דערצו!**

דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ צוויי מהלכים וויאַזוי מ'קען זיך מקשר זיין צו די טיפערע חלקים פון תורה: די ערשטע מהלך איז **דורכדעם וואָס מען איז משיג די זאַך**, מען געפינט זיך שוין אין יענע מדריגה. און ס'איז דאָ נאָך אַ צווייטע מהלך וויאַזוי מ'קען זיך מקשר זיין מיט דעם פנימיות התורה, **דורכדעם וואָס מ'גלייבט** אַז עס ליגט דאָ אַ פנימיות וואָס איך פאַרשטיי נישט!

## זיך מקשר זיין דורך מכבד זיין תורה

איינס פון די גוטע ביישפילן צו דער הרגשה, איז דער מושג פון מכבד זיין אַ תלמיד חכם אָדער אַ ספר תורה. ווען מ'זעט אַ ספר תורה שטעלט מען זיך אויף פון פלאַץ, מ'גייט צו מיט אַ יראת הכבוד, מ'גיט עס אַ קיש, און אַזוי ווייטער די אַלע הלכות פון שו"ע. **די גאַנצע צוגאַנג איז מיט אַ געפיל פון "דאָס איז אַ ספר תורה! ס'איז אַ הייליגע זאַך"**. דאָס זעלבע ווען אַ מענטש איז מכבד אַ ת"ח, ס'איז כאילו ער זאָגט: **דאָ ליגט עפעס העכערס. כ'ווייס נישט פונקטליך וואָס, כ'האָב אים נישט פאַרהערט, אָבער כ'ווייס אַז ס'ליגט דאָ עפעס טיפערס.**

אָט דער 'כבוד התורה' מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך מקשר זיין צו דעם טיפערן חלק פון תורה. ווייל **כבוד קומט פון אַ געוויסע הבנה וואָס דער מענטש האָט, אַז יענע זאַך איז עפעס חשוב'ער פון מיר.** ווען אַ מענטש פירט זיך בכבוד צו אַ ספר תורה, איז ער מכיר אַז די ס"ת איז חשוב'ער פון מיר. כ'בין זיך מכניע דערפאַר, כ'שטעל זיך אויף פון מיין פלאַץ, איך רעד נישט אויס אינמיטן ליינען, ווייל איך האָב אַ יראת הכבוד. איך פאַרשטיי אַז דאָס איז חשוב'ער פון מיר.

## דאָס געפיל אַז כ'פאַרשטיי נישט אַלעס, העלפט משיג זיין מער

דער בעש"ט הק' גיט צו פאַרשטיין אַז ווען מ'לערנט תורה, דאַרף מען טאַקע האָבן אַ מורא'דיגע שמחה, אַז מ'האָט יעצט געלערנט די שעשועים און די תענוגים פון דעם רבוש"ע, אָבער ס'דאַרף אויך מיטקומען דערמיט דעם צער אַז "איין טאָג גיי איך זיך האָפנטליך שעמען וויאַזוי איך האָב יעצט געלערנט". און אָט די צער וועט בפועל ברענגען פאַר'ן מענטש **צו באַקומען אַ טעימה פון דעם טיפערן רוחניות וואָס ליגט אין דער תורה** וואָס ער האָט אַצינד געלערנט!

אַ איד דאַרף לערנען מיט דעם צוגאַנג אַז: עס ליגט דאָ זיכער אַסאַך מער און אַסאַך טיפער, והי' יאיר עיני, נאר יעצט לויט מיין דרגא האָב איך בלויז פאַרשטאַנען וויפיל ס'איז געווען מעגליך פאַר מיין מצב, אָבער **איך ווייס זייער קלאָר אַז אין דער משנה וואָס כ'האָב יעצט געלערנט ליגט אַזויפיל טיפערע זאַכן**, און כ'האָב אַ שטיקל בושה, אַ שטיקל צער, אַז איך גיי עס אַריבער און איך כאַפּ נישט.

אויב אַ מענטש וועט האָבן דעם געפיל, וועט דאָס מאַכן אַז ער זאָל יאָ קענען משיג זיין די קדושת התורה, **אפילו אויב ער פאַרשטייט עס נישט בהבנה**, אָבער ער באַקומט אַ טעימה דערפון אָן קיין אותיות.

## דער חילוק צווישן צוויי מענטשן נעבן דעם זעלבן צדיק

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אין אַ געוויסן בית המדרש דרייט זיך גאָר אַן ערליכער און געהויבענער איד, וואָס מ'ווייסט טאַקע נישט פונקטליך די פרטים פון זיין עבודת ה', אָבער **יעדער זעט בחוש אַז ער איז ממש פון די צדיקי הדור משכמו ולמעלה גבוה.** דער חשוב'ער איד דאַוונט יעצט מנחה, און אין דעם זעלבן מנין זענען אויך דאָ צוויי אַנדערע מענטשן.

איינער פון די צוויי האָט געכאַפּט אַ מנחה און איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט ניטאַמאָל באַמערקט אַז דאָ דאַוונט אויך דער ערליכער איד. אָבער דער אַנדערער האָט יאָ געוואוסט אַז דאָ טוט זיך עפעס אָפּ. **ער האָט טאַקע נישט קיין גרויסע השגה אין דער עבודה פון דעם ערליכן איד**, אָבער ער ווייסט אַז מ'רעדט פון די בני עליי' פונעם דור, **ער קוקט אים נאָך אַגאַנצן צייט ביי חזרת הש"ץ.** ער קען דיר נישט זאָגן צופיל וואָס דער צדיק האָט אינזין געהאַט ביים דאַווענען, ווייל ער האָט נישט די כלים דאָס צו פאַרשטיין, אָבער **יאָרן שפעטער גייט ער נאָך האָבן דערפון אַ ריווח**, ווייל ער האָט געקוקט און פרובירט אַריינצונעמען פון די קדושה. **ס'איז זיכער אַריינגעגאַנגען עפעס יראת שמים ביי אים אין האַרץ**, אפילו ער ווייסט נישט 'וואָס' גענוי ער האָט געזען, אָבער ער האָט געוואוסט אַז עפעס ליגט דאָ באַהאַלטן.

זאָגט אונז דער בעש"ט הק' אַז ווען אַ מענטש איז מקיים דעם פסוק אין תהלים 'שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב' - זיין שמחה מיט דער תורה גייט צוזאַמען מיט דעם געפיל אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַסאַך טיפערע זאַכן. דעמאָלט וועט **בלויז די ידיעה אַליין אַריינברענגען ביים מענטש אַ מורא'דיגע קדושה און שייכות מיט'ן רבוש"ע**, אפילו בשעת דער מענטש איז נאָך יעצט אויף א קלענערע מדריגה.

ג

# ואני בער ולא אדע; כלפי דעם 'אין סוף' פון דער תורה זענען אַלע אידן אייניג

## דוד המלך בעט זיך פאר השגה אין תורה

ווען מ'שטייט אין דעם טאָג פון דוד המלך'ס יאָרצייט, לאָמיר נעמען קאַפּיטל קי"ט, און זען וויאַזוי דוד המלך איז אַזויפיל מתפלל אויף תורה: "הלואי זאָל איך פאַרשטיין תורה, זיי מיר עס מסביר, איך וויל קענען היטן די תורה". דוד בעט זיך פון דעם רבוש"ע: **'אחלי'** - דאָס איז אַ לשון פון אַ תפלה, **'יכונו דרכי לשמור חוקיך'** - שטעל אַוועק מיינע וועגן אויף אַן אופן אַז כ'זאָל זיך האַלטן און כ'זאָל קענען היטן דיינע חוקים. **'אז לא אבוש בהביטי אל כל מצוותיך'** - דעמאָלט וועל איך זיך נישט שעמען, ווייל נאר אויב איך וועל מקיים זיין דיינע חוקים,

ווען איך נאָכדעם קענען קוקן אויף דיינע מצוות אָן קיין בושה.

און אַזוי גייט דוד המלך ווייטער, פסוק נאָך פסוק, מיט תפלות צו השי״ת: **ברוך אתה ה' למדני חוקיך** - לערנען מיך אויס די תורה. **גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך** - עפן אויף מיינע אויגן אַז כ'זאָל קענען זען און פאַרשטיין די תורה. **הורני ה' דרך חוקיך ואצרנה עקב** - וויז מיר דעם וועג פון דיינע מצוות אַז כ'זאָל עס קענען מקיים זיין ביז'ן סוף. **הבינני ואצרה תורתך ואשמרנה בכל לב, הדריכני בנתיב מצוותיך כי בו חפצתי, הט לבי אל עדותיך ואל אל בצע, העבר עיני מראות שוא בדרכיך חייני.**

## די תורה איז אַזוי גרויס אַז מ'דאַרף אַלעמאָל שטרעבן צו נאָך העכער

לכאורה קען מען פרעגן אַ שאלה: **מילא אונז פשוט'ע מענטשן, טרעפן זיך אין די אַלע פסוקים, אָבער פאַרוואָס האָט דוד המלך אַזוי גערעדט?!** ער זאָגט אַזעלכע לשונות פון צעבראָכנקייט, **ידיד עשוני ויכוננוני** - דו רבוש״ע האסט מיר באַשאַפן. **הבינני ואלמדה מצותיך** - געב מיר צו פאַרשטיין אַז כ'זאָל קענען לערנען די תורה.

נאר די הסבר דערצו איז זייער פשוט: **דאָס בלייבט די תפלה פון יעדן איד אַלעמאָל!** ס'איז קיינמאָל נישט דאָ אַ מציאות ווען אַ מענטש קען שפירן אַז ער האָט שוין געענדיגט די תורה: ״איך קען אודאי מוסיף זיין בלי נדר נאָכמער, אָבער איך האב ב״ה שוין געמאַכט אַ סיום הש״ס, איך האָב געענדיגט, יעצט קען איך גיין צום שטאַפל פון חזר'ן... כ'האָב זיך פאַרהערט גאַנץ חושן משפט און כ'קען שוין אַלעס זייער גוט...״

איינער וואָס רעדט אַזאַ שפּראַך, אָדער טראַכט אַזאַ סאָרט מחשבה, פעלט אים דער יסוד פונעם בעש״ט הק'. זיין צוגאַנג צו תורה, כאילו ער פאַרשטייט שוין אַלעס, און כאילו ער איז שוין משיג וואָס ער האָט געלערנט, **נעמט צו פון אים דאָס גאַנצע 'אין סוף' געטליכקייט וואָס ליגט אין דער תורה.**

## ס'איז אוממעגליך צו 'אָנקומען' צום שלימות פון תורה

מיר קענען נישט האָבן קיין שום השגה אין תורה, נאר ווען מ'ווייסט גוט דעם יסוד, אַז **וויפיל אַ מענטש זאל נאר לערנען האָט ער נאָכנישט אָנגערירט אפילו אַ טויזנט'סטל פון דער תורה.** אפילו ער איז שוין אָנגעקומען זייער ווייט.

לאָמיר זאָגן אַז ס'איז דאָ אַסאַך כתות - קלאַסן אין לימוד התורה, אָנגעהויבן פון כתה אלף און אַרויף, און דער מענטש איז געגאַנגען פון מדריגה צו מדריגה ביז ער איז שוין אָנגעקומען צו כתה תיו, **קען מען דען זאָגן אַז ער האָט שוין אָנגערירט אפילו אַ טויזנט'סטל פון דער תורה? אודאי נישט!** די תורה איז דאָך אין סוף!

## טויזנט מייל כלפי 'אין סוף' איז גאָרנישט

דער הייליגער **באר מים חיים** זאָגט אין פרשת בהר אַז די אַלע טעמי התורה וואָס שטייט אין זוהר הק' און אין די ספרי קבלה, דאָס אַלעס איז **נאָר כדי צו מעורר זיין די הרגשים פון אהבה ויראה ביים מענטש.** ווען אַ איד זעט אַז ס'איז דאָ אַזעלכע

# דורך די אמונה וואָס אַ איד גלייבט, אַז ס'ליגט עפּעס טיפער אין דער תורה, באַקומט ער אַ נגיעה צו די רוחניות'דיגע חלקים פון דער תורה

ווייטע און טיפע טעמים פאַר יעדע מצוה ברענגט דאָס אים אַ גרעסערע התפעלות און אַ שטאַרקערע קשר צום רבוש״ע, ווייל ער כאַפּט אַז די תורה ומצוות איז אַסאַך מער פון וואָס ער פאַרשטייט, ס'טוט זיך דאָ אַפּ מורא'דיגע זאַכן. אָבער **באמת זענען די אַלע טעמים וואָס זענען נתגלה געוואָרן עפ״י פנימיות וקבלה, ניטאָמאָל איינס פון 'אלף אלפי אלפים ורבי רבבות' פון די אמת'ע טיפקייט וואָס איז דאָ אין תורה.** אודאי נישט! דו ווייסט וואָס באַדייט 'אין סוף'? דאָס מיינט אַז עס ענדיגט זיך קיינמאָל נישט!

שטעלט זיך פאַר אַ מענטש גייט דריי מייל, אין פאַרגלייך צו 'אין סוף'. אפילו אויב ער גייט הונדערט מייל, און אפילו אויב ער גייט פינף טויזנט מייל. **אויב מ'רעכנט דאָס אין פאַרגלייך צו 'אין סוף', איז עס לאַכעדיג.** כלפי 'אין סוף' איז נישט קיין חילוק צווישן דריי מייל אין פינף טויזנט מייל.

## מ'דאַרף שטייגן, אָבער וויסן דעם אמת

אויב אַזוי, וועט דער מענטש פרעגן אַ קשיא: מילא ווען כ'בין געווען יונג און מ'האָט מיר געזאָגט אַז ס'איז דאָ טיפערס אין דער תורה, כדי אַז כ'זאָל וויסן דעם אמת, אַז כ'האָב נאָכנישט אָנגעהויבן בכלל, ווייל כ'האָב נאָכנישט די כלים עס צו פאַרשטיין, און כ'דאַרף האָבן אמונה אַז אין דער תורה ליגט אַסאַך מער. אָבער אַצינד האַלט איך שוין פופציג יאָר שפּעטער, כ'בין שוין געגאַנגען מדרגא לדרגא, נו, ווען גייט פאַסירן אַז כ'זאָל קענען פאַרשטיין די טיפע פנימיות פון דער תורה?

די תירוץ איז אַז **אודאי קענסטו זיך רוקן אַביסל.** דו קענסט זיכער גיין פון איין מייל צו צוואַנציג מייל און צו הונדערט מייל. אַ מענטש זאל טאַקע באַמערקן אַז ער האָט זיך גערוקט, ער זאָל דערפון באַקומען שמחה מיט חיות, ווייל ער זעט וויאַזוי ער הייבט אָן פאַרשטיין זאַכן טיפער, ער הייבט אָן דערהערן זאַכן אַסאַך אַנדערש ווי ער פלעגט דאָס דערהערן. **ב״ה אַז דו בלייבסט נישט אויפ'ן זעלבן פלאַץ.** אָבער אין פאַרגלייך צו 'אין סוף' האָסטו נאָכנישט קיין שום השגה!

וויאַזוי קענסטו אָבער יאָ באַקומען די כלים צו נאָכמער מרגיש זיין אַ טיפערע קרבת אלקים? **בלויז מיט דעם אויבנדערמאַנטן מהלך, ווען ער פאַרשטייט אַז וויפיל ער רירט אָן אין דער פנימיות התורה, איז אָבער דאָ אַזויפיל מער!** און ער וויינט צום רבוש״ע: **גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך.** ער איז מתפלל: **קראתי בכל לב ענני ה'** - איך האָב גאָרנישט. **ראה עניי וחלצני כי תורתך לא שכחתי.** ער בעט פון דעם רבוש״ע: העלף מיר אַז כ'זאָל פאַרשטיין עפּעס. איך בין פאַרלוירן, איך בין פאַרבלאָנדזשעט, **תעיתי כשה אובד** - זוך מיר אויף, **בקש עבדך!** דאָס איז די איינציגסטע שליסל וויאַזוי אַ איד קען באַקומען אַ שייכות מיט דער רוחניות וואָס איז דאָ אין תורה.

## יעדע תפלה אויף תורה איז פונקט אַזוי חשוב

לאָמיר נעמען אַ משל פון אַ יונגעלע אין כתה ב' וואָס זיינע חברים אין דעם זעלבן יאָרגאַנג קענען שוין גוט ליינען עברי, אָבער ער קען נאָכנישט ליינען געהעריג. ער מאַכט כסדר טעותים און ער פאַרשטייט נישט דאָס לערנען. **דאָס יונגעלע בעט אַ תפלה אויף אידיש:** ״רבוש״ע העלף מיר, איך פאַרשטיי נישט. ס'קומט מיר אָן אַזוי שווער. כ'קען נישט דעם חילוק פון אַן אות וואָס האָט אַ פינטעלע און אַן אות וואָס האָט נישט. איך האַלט אין איין זיך צעמישן ביים ליינען אַ ה״א מיט אַ חי״ת. העלף מיר, כ'האָב שוין פרובירט אַזויפיל מאָל און ס'גייט נישט״... און ער צעוויינט זיך מיט טרערן פאַר'ן אויבערשטן אַז ער זאָל אים העלפן צו קענען ליינען.

אַזאַ תפלה איז חשוב ביים רבוש״ע **פונקט ווי די תפלה פון אַ חשוב'ער איד וואָס איז מתפלל אַז ער וויל פאַרשטיין טיפע סוגיות אין תורה.** הגם מ'רעדט דאך דאָ פון אַ תינוק של בית רבן. **ער האָט אַ נשמה? יאָ. ער וויל פאַרשטיין תורה? יאָ.** נו, וואָס איז די נפקא מינא צווישן איין תפלה און די אַנדערע?! דער רבוש״ע הערט צו אַזאַ סאָרט תפלה, ער איז זיך משתעשע מיט דער תפלה און ער מאַכט נסים אַז דאָס יונגעלע זאל טאַקע בעסער קענען פאַרשטיין דאָס לערנען.

## מתפלל זיין פאַר השגה בתורה אויף יעדע מדריגה

שפּעטער איז דאָ אַביסל אַ העכערע דרגא, אַ יונגערמאַן אַ גוטער בעל כשרון וואָס קען פיין לערנען, אָבער **ער איז געבליבן שטעקן ביי אַ סעיף קטן אין מגן אברהם וואָס ער פאַרשטייט נישט.** ער צעוויינט זיך און בעט פון דעם רבוש״ע אַז ער וויל עס פאַרשטיין.

דערנאָך איז דאָ נאָך אַ דרגא: אַ געהויבענער איד וואָס לערנט טיפע קבלה ענינים. און **אינמיטן לערנען קומט אים אויס אַ שטיקל סתירה און ער האָט אפילו נישט וועמען צו פרעגן.** קיינער ווייסט נישט וואָס ער רעדט, און נאָכ'ן פרובירן פאַרשטיין עטליכע מאָל, צעוויינט ער זיך פאַר'ן רבוש״ע, און השי״ת העלפט אים.

נאָכדעם איז דאָ נאָך אַ דרגא: **די מדריגה פון דוד המלך** וואָס רעדט צום אויבערשטן אין קאַפּיטל קי״ט

און ער זאָגט: איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט תורה. העלף מיר, ס'איז דאָ אויבים, ס'איז דאָ אַ יצר הרע, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען די תורה...

כלפּי דעם 'אין סוף' פון דער תורה **איז דאָס אַלעס די זעלבע אמת.** ס'איז גאָרנישט ווייניגער אמת! ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך אַז דאָס איז אַ קינדערישע תפלה און דאָס איז אן ערוואַקסענע תפלה פון בעלי קבלה. ס'איז נישט קיין חילוק בכלל, **ווייל דו רעדסט פון אַ זאַך וואָס איז 'אין סוף'!** ווען מ'וואָלט גערעדט פון אַ זאַך וואָס האָט גרעניצן, קען מען זאָגן אַז דאָס איז נאָנטער צום גרעניץ און יענס איז ווייניגער נאָנט צום גבול, אָבער אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעניץ, איז בכלל נישט דאָ דער מושג פון 'ווייט' מיט 'נאָנט'.

### די שמחה פון תורה אויף יעדע מדריגה

ביז יעצט האָט מען גערעדט וועגן דעם הרגש פון צער כלפּי וויפיל עס פעלט מיר פון דער תורה, אַז מ'קען האָבן דעם געפיל אין יעדן שטאַפּל וואָס מ'האָט שוין יאָ משיג געווען אין תורה. דאָס איז פונקט אַזוי אמת ווען עס קומט צו שפּירן **דעם הרגש פון שמחה כלפּי דאָס וואָס מ'האָט יאָ זוכה געווען צו לערנען.** אויך די שמחה פון תורה איז שייך ביי יעדן איד לויט זיין מדריגה.

אויב אַ איד האָט אַ שמחה ווייל ער האָט געזאָגט אַ משנה, מיט דער כוונה זיך יעצט מדבק זיין אין דעם רבוש"ע, **איז דאָס גאָרנישט אַנדערש ווי די שמחה פון אַ איד וואָס האָט געלערנט אַ שווערע סוגיא.** אָבער אַלעס איז בתנאי אַז דו גלייבסט אַז וואָס דו לערנסט יעצט האָט אַסאַך אַ טיפערע באַדייט. אָבער אויב אַ מענטש איז מחליט אַז דאָס וואָס איך פאַרשטיי, דאָס איז די איינציגע פשט אין דער תורה און פאַרטיג, דעמאָלט האָט ער פאַרמאַכט דעם טיר, ווייל ער האָט חלילה מגשם געווען די תורה.

ד

## מורשה היא לכל ישראל; די השגה אין תורה ווענדט זיך בעיקר אין דעם געפיל פון הכנעה

### דער שוואַכערער בעל כשרון איז אָנגעקומען ווייטער

ווען מ'דערהערט גוט דעם יסוד, קומט דערפון אַרויס אַן אינטערעסאַנטע מציאות. לאָמיר זאָגן אַז עס זיצן און לערנען ביים זעלבן טיש צוויי אידן. ראובן איז אַ גרעסערער ת"ח און בעל כשרון, און שמעון איז נישט אַזאַ ת"ח און ער האָט נישט אַזעלכע כשרונות. זייביידע לערנען דעם זעלבן שטיקל תורה, **ראובן לערנט עס טיפער און מער יסודות'דיג,** ער קען עס מגדיר זיין בעסער. ער פאַרשטייט באמת וואָס ער לערנט. און **שמעון האָט עס 'געזאָגט',** ער האָט פאַרשטאַנען לפּי ערכו...

אָבער ווען ס'קומט צו די רגש אַז דאָ ליגט עפּעס אַסאַך טיפער, **האָט שמעון אַסאַך מער געשפּירט און מיטגעלעבט אַז דאָ איז באַהאַלטן אַסאַך מער.** ער האָט עס געלערנט מיט דעם צער פון 'כמוצא שלל רב'. ווידעראום ראובן האָט געהאַלטן אַז דער רבוש"ע דאַרף אים נאָך אפשר זאָגן אַ יישר כח אַז ער האָט צוגעלייגט אַזעלכע שיינע חידושים צו דער תורה, וואָס מסתם זאָגט מען עס יעצט נאָך אין הימל, ווייל דאָרט אויבן איז קיינעם נישט איינגעפאַלן עד כדי כך אַזעלכע גוטע סברות ווי ער האָט געזאָגט... ער שפּירט אַז דאָס איז דאך אַן אמת'ער פשט און ס'איז פאַרטיג.

ווער האָט יעצט בעסער געלערנט? ווער פון די צוויי איז אַ גרעסערע בעל מדריגה אין השגה פון תורה? **ס'איז נישט קיין ספק בדבר אַז שמעון איז אָנגעקומען אַסאַך ווייטער!**

### אָנקוקן תורה מיט אַן אמת'ע בליק

אַסאַך מאָל קען עס אויסקוקן אַביסל מאָדנע: הלמאי, שמעון פאַרשטייט דאך ניטאַמאָל געהעריג וואָס ער זאָגט דאָ ביים לערנען, בשעת ראובן זיצט אויפ'ן זעלבן טיש און מענטשן קומען אים פרעגן אַז ער זאָל זיי ערקלערן פשט מיט זיין געבענטשטע הבנה און הסברה. **וויאַזוי קען מען זאָגן אַז שמעון איז גאָר אָנגעקומען צו אַ שטאַרקערע השגה בתורה?!**

דער תירוץ איז זייער פשוט: ווילאַנג מ'קוקט עס אָן מיט אַ באַגרעניצטע בליק, דעמאָלט זאָגט מען טאַקע אַז ראובן איז ווייטער ווי שמעון, אָבער **אויב מ'קוקט עס אָן אין פאַרגלייך צו 'אין סוף' דעמאָלט איז שמעון אַסאַך נאָנטער!** ער געדענקט אַז די תורה איז 'אין סוף'. ער האָט אמונה און ער איז מקושר צו דער ידיעה. משא"כ ראובן האָט עס נישט געדענקט, על כל פּנים יעצט אויף דער מינוט האָט ער דאָס נישט געדענקט, און **ס'מאַכט אַ גרויסער חילוק צי מ'געדענקט עס יעצט אויף דער מינוט.** ס'איז נישט גענוג אַז מ'האָט אים אַמאָל געזאָגט אַז די תורה איז 'אין סוף' און ער האָט רעאַגירט: "יאָ יאָ, כ'געדענק טאַקע, דאַכט זיך אַז דער 'נפש החיים' ברענגט עס ערגעץ וואו... " ס'אַרבעט נישט אַזוי. **בשעת ווען דער מענטש לערנט, דאַרף עס זיין אויף אַזאַ אופן פון הכרה אַז מ'האָט נאָכנישט אָנגערירט די טיפקייט פון דער תורה.** ווען מ'לערנט מיט אַזאַ צוגאַנג האָט מען געעפענט דעם שער. אַצינד ביסטו אַביסל נאָנטער געוואָרן צו דעם 'אין סוף' פון תורה הק'!

### וויסן אַז מ'איז בלויז אַ 'בא ליטהר'

דאָ קומט אויך אַריין די גרויסע סוגיא פון 'הבא לטהר מסייעין אותו'. די פשוט'ע פשט דערפון איז, אַז טאָמער דער מענטש פּרובירט פון זיין זייט צו טון אַלעס וואָס ער קען, דעמאָלט וועט אים השי"ת העלפן, אַז ער זאָל דאָס קענען אויספירן.

אָבער ס'איז אויך דאָ נאָך אַ פשוט'ע פשט אין דעם 'הבא ליטהר מסייעין אותו', אַז דער מענטש גייט צו דער מצוה **מיט דער הכרה אַז ער איז בסך הכל בלויז אַ 'בא ליטהר'!** ער פאַרשטייט בשעת מעשה אַז איך קען עס נישט מאַכן געשען, איך קען נישט ברענגען קיין שום תוצאות. איך קען בלויז זיין אַ 'בא ליטהר' און דער רבוש"ע וועט מיך העלפן מיט דער תוצאה.

די אמת'ע באַדייט פון 'הבא ליטהר' איז נישט בלויז אַז טעכניש איז מען אַ בא ליטהר, ס'דאַרף אויך זיין אַז במחשבה פאַרשטייט מען דעם אמת, אַז כ'בין בסך הכל אַ בא ליטהר, און דעמאָלט באַקומט מען טאַקע דעם 'מסייעין אותו', **ווייל דער מענטש איז געקומען מיט דעם ריכטיגן צוגאַנג,** ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אַז נאר דער רבוש"ע קען אים העלפן, און אַזוי איז ער טאַקע זוכה צו דעם מסייעין אותו.

### די מתנה פון שפּירן אַז 'איך פאַרשטיי נישט'

אַצינד לאָמיר אַריינטראַכטן: ווען די צוויי אויבנדערמאַנטע מענטשן זיצן ביים זעלבן טיש און לערנען, **ווער איז דער בא ליטהר?** אודאי אַז שמעון וואָס פאַרשטייט נישט אַזוי גוט דאָס לערנען, **אָבער ער ווייסט אַז דאָ ליגט עפּעס טיפער.** ער איז דער ריכטיגער בא ליטהר און ער וועט זוכה זיין צו מסייעין אותו!

צומאָל קען אפילו זיין אַז דער רבוש"ע וועט העלפן פאַר אַ מענטש אַז ער זאָל נישט פאַרשטיין דאָס לערנען, און דאָס וועט אים זיין אַ געוואַלדיגע הילף, ווייל **ווען ער פאַרשטייט נישט, ברענגט דאָס אַרויס ביי אים אַזעלכע סאָרט הרגשים און אַזאַ סאָרט שאיפה זיך צו פאַרלאָזן אויף השי"ת און מתפלל זיין.** דוקא ווען ער פאַרשטייט נישט, לערנט ער אויף אַ בא ליטהר'דיגן אופן, און אודאי וועט יעצט זיין 'מסייעין אותו' פון הימל.

### 'מסייעין אותו' - באַלייכטן מיט'ן אמת פון דער תורה

די הבטחה פון 'מסייעין אותו' קען קומען אויף אַסאַך אופנים. עס קען זיין אַז מ'וועט אים העלפן פון הימל אַז ער זאָל גלייך פאַרשטיין וואָס ער לערנט. אָבער ס'קען אויך זיין אַז ער גייט נישט פאַרשטיין דוקא דעם תוספות וואָס ער האָט געלערנט יעצט דאָ אויף דער מינוט. **ער וועט אָבער באַקומען אַ ליכטיגקייט צו פאַרשטיין וואָס ער דאַרף פאַררעכטן** אין זיין נשמה!

אַ איד פּרובירט צולערנען אַ שווערע שטיקל תוספות אָדער אַ פרי מגדים, און ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, אָבער וויבאַלד ער איז צוגעגאַנגען ריכטיג דערצו, זאָגט אים השי"ת: דו האסט געבעטן אַז כ'זאָל דיר אויסלערנען תורה? דו האסט טאַקע אן אָפענע שלחן ערוך פאַר דיר בשעת די תפלה, אָבער די בקשה וואָס דו האסט געבעטן איז אַז דו זאָלסט פאַרשטיין תורה, **אויב אַזוי וועל איך דיך געבן צו פאַרשטיין וואָס ס'איז דיר וויכטיג צו פאַרשטיין!** כ'וועל דיר באַלייכטן מיט'ן אמת פון תורה! דו וועסט באַקומען אַזעלכע הרגשים און מחשבות אַז ס'וועט דיר באמת ליכטיג ווערן!

ה

# כי קרוב אליך הדבר מאוד; ווען מ'לערנט מיט אַ ביטול אַנטפּלעקט זיך די תורה פאַר'ן מענטש

## מצליח זיין בתורה ווענדט זיך וויפיל מ'דערהערט דעם אמת

ווען מ'שטייט אין אַזאַ הייליגן יום טוב שבועות און מ'לערנט דעם יסוד פון דעם בעש"ט הק', דאַרף דאָס אונז ברענגען צו פאַרשטיין **ווי נאָנט יעדער איד איז, צו קענען האָבן די ריכטיגע הצלחה בתורה** - כי קרוב אליך הדבר מאוד!

אַסאַך מאָל קען מען הערן אַ שפּראַך פון מענטשן: "**אויב איך גיי זיך זעצן לערנען, וועל איך מצליח זיין, און אויב כ'וועל זיך נישט נעמען וועל איך נישט מצליח זיין.** אויב כ'גיי קובע עתים זיין לתורה ווי אַ מענטש וועל איך מצליח זיין, און אַז נישט וועל איך נישט מצליח זיין".

**דאָס איז אמת, אָבער ס'איז אויך נישט אמת.** אודאי איז אמת אַז ס'פאָדערט זיך פון אַ איד זיך אָנצוגאַרטלען און טון צו דער זאַך. אָבער נאָכמער איז קריטיש וויכטיג אַז דער מענטש זאל פאַרשטיין ווי ווייט ער איז פון דער תורה, ווייל **וויפיל מער ער וועט כאַפּן זיין ווייטקייט פון תורה, אַזויפיל מער וועט ער מצליח זיין אין תורה.** ס'הערט זיך ווי אַ סתירה אָבער דאָס איז דער אמת: **וויפיל מער כ'וועל פאַרשטיין ווי ווייט איך בין פון תורה, אַזויפיל מער וועל איך מצליח זיין אין תורה!**

## יעדער איינער קען ווערן באַפריינדעט מיט דעם חשוב'ן איד

לאָמיר דאָס מסביר זיין מיט אַ משל: איינער קומט אַריין אין שול וואו ס'דרייט זיך דאָ גאָר אַ חשוב'ער איד, און ער זעט אַז ס'איז דאָ 2-3 מענטשן וואָס זיי האָבן עפּעס גאָר אַ ספּעציעלן קשר מיט דעם חשוב'ן איד. זיי פאַרברענגען מיט אים, זיי רעדן מיט אים, ער שמייכלט פון זייערע רעיונות, א.א.וו.

דער מענטש טראַכט צו זיך: **וויאַזוי קען איך אויך האָבן שייכות מיט דעם חשוב'ן איד?** וויפיל יאָר האָט זיי געדויערט צו באַקומען אַזאַ נאָנטקייט מיט אים? וויאַזוי מאַכט מען דאָס? ער איז זיי מוראדיג שטאַרק מקנא, און ער הייבט אָן שמעקן און מבדר זיין, קלערנדיג אַז 'אפשר איין טאָג ווען כ'וועל זיין עלטער וועל איך קענען אָנקומען צו זיין נאָנט מיט דעם איד'.

ביז איינער איז אים מסביר: דו כאַפּסט נישט די גאַנצע זאַך. דאָס בילד וואָס דו זעסט דאָ איז בלויז אַן אחיזת עינים. האָלטסט טאַקע אַז זיי האָבן געוואוסט דעם מהלך וויאַזוי צו באַקומען אַ נאָנטקייט מיט אים?! דער חשוב'ער איד איז דאָך אַסאַך העכער און ווייטער פון זיי. **ער האָט פשוט רחמנות און ער האָט גאָר איידעלע מדות, דעריבער שמייכלט ער צו זיי און ער רעדט מיט זיי, כאילו ער איז זייער'ס אַ נאָנטער ידיד.** פּרוביר עס אויס, גיי דו אויך צו אים, און דו וועסט זען אַז ער וועט טון מיט דיר די זעלבע זאַך...

דער מענטש פּרובירט טאַקע, און ער זעט אַז ס'איז ווירקליך אַזוי. דער חשוב'ער איד איז אים מקרב און מאַכט אים שפּירן אַזוי גוט. אַצינד קוקט ער אַראָפּ דעם געהויבענעם איד? פונקט פאַרקערט! דער איד איז יעצט געוואָרן נאָך אַסאַך חשוב'ער אין זיינע אויגן.

## יעדער איינער קען ווערן נאָנט צו תורה

דער נמשל איז: אַמאָל ווען אַ מענטש זעט וויאַזוי יענער איז מצליח אין תורה, טראַכט ער צו זיך: אפשר איין טאָג וועל איך אויך מצליח זיין. כ'בין טאַקע נישט אַזאַ בעל כשרון ווי יענעם, אָבער ווער ווייסט, אפשר איין טאָג וועל איך טרעפן אַ לימוד 'מה שלבי חפץ', אפשר וועל איך טרעפן עפּעס אַ פּרק אין משניות וואָס וועט יאָ רעדן צו מיר...

זאָגט מען פאַר דעם מענטש: די תורה איז אַסאַך מער הייליג ווי מיר קענען בכלל פאַרשטיין! דאָס וואָס דו זעסט אַז יענער איז מצליח האָט אויך נישט קיין שום פשט. און **דעריבער קענסטו פונקט אַזוי מצליח זיין.** די תורה איז אַסאַך העכער און טיפער ווי ס'קוקט דיר אויס. דעריבער איז בכלל נישט שייך די אַלע סאָרט הסברים אַז "יענער איז מצליח ווייל ער האָט אַ גוטע חברותא. יענער האָט אַ כשרון צום לערנען און איך האָב נישט דעם כשרון". עס אַרבעט נישט אַזוי! די תורה איז נמשל למים וואָס איז יורד למקום נמוך. און **גענוי ווי דער און יענער האָבן מצליח געווען, קענסטו אויך מצליח זיין.** די תורה איז 'אין סוף' און ס'איז נאַריש דאָס צו באַטראַכטן מיט אַ גשמיות'דיגע סאָרט בליק אַז "יענער איז מצליח ווייל ער האָט אַ גוטן קאָפּ, יענער איז מצליח ווייל ער האָט אַסאַך ידיעות". דאָס איז אַ קינדערישע בליק.

## אמת'ע הצלחה קעגן הצלחה מדומה

וועט איינער זאָגן: ס'איז טאַקע אַ קינדערישע בליק, אָבער למעשה ווייזט זיך עס איבער. יענער האָט אַ גמרא קאָפּ, דער אַנדערער האָט גוטע חברותות, און איך האָב נישט די אַלע בענעפיטן.

וואָס איז דער אמת?! אַז אַזאַ מחשבה קומט פון אַ גשמיות'דיגע און מצומצם'דיגע בליק **כאילו אַז הצלחה אין תורה מיינט ווען יענעמ'ס ווייב איז צופרידן**, ווייל זי באַקומט אויך אַביסל כבוד פון זיין תורה'דיגע שטעלע... אויב זוכסטו אויך אַז דיין ווייב זאל האָבן כבוד, דעמאָלט ביסטו טאַקע גערעכט, יענער איז מער אָנגעקומען ווי דיר. יענער נעמט שוין כבוד מיט אַ שעפּ צו לעפל און דו האסט נאָכנישט דעם כבוד. מיר זענען זיך משתתף מיט דיין צער. **אָבער אויב זוכסטו דעם רבוש"ע וואָס ליגט אין דער תורה, דעמאָלט איז יענער גאָרנישט נענטער ווי דיר!**

די תשוקה פון אַ איד צו דעם אמת פון דער תורה, קומט פון די טיפסטע חלקים פון זיין נשמה. און **אָט די תשוקה איז איינציג ביי יעדן איינעם.** קוק וויאַזוי דוד המלך איז מתפלל פאר תורה. איז ריכטיג אַז דו טרעפסט זיך דאָרט?! דוד האָט געהאַט די נשמה פון אדם הראשון וואָס ער איז געווען דער נשמה כוללת פון אַלע נשמות ישראל, דערפאַר טרעפט זיך יעדער מענטש אין תהלים. ווייל דיין נשמה רעדט יעצט.

## תורה מוז קומען מיט אַ נס

ווען ס'קומט צו אמת'דיג משיג זיין תורה, קען מען נישט מצליח זיין אָן קיין נס. אויב איינער איז מצליח בתורה אָן קיין נס, **ווילן מיר נישט יענע תורה.** די חשיבות פון תורה איז נאָר אַזאַ סאָרט תורה וואָס איז געקומען מיט אַ נס, ווייל **תורה איז אַ רוחניות'דיגע זאַך, און מ'קען נישט אמת'דיג מצליח זיין מיט גשמיות'דיגע מיטלען.** מיר ווילן באַקומען די הייליגקייט פון תורה. מיר ווילן מצליח זיין בתורה דוקא דורכדעם וואָס מ'זאָגט אַ קאַפּיטל תהלים, דוקא דורך זיך מקשר זיין צו דעם בליק פון דוד המלך.

דאָס איז אַקטועל ביי יעדן מענטש לויט זיין מדריגה. וויפיל מער ער וועט זאָגן ברכת התורה מיט דער כוונה, וויפיל מער ער וועט כאַפּן ווי ווייט ער איז פון תורה, און ווי שטאַרק ער דאַרף אָנקומען צו אַ נס כדי צו מצליח זיין בתורה, **אַזויפיל מער וועט זיך די תורה מגלה זיין צו אים.** אַזויפיל נאָנטער וועט ער ווערן צו דער תורה.

## צוגיין צו תורה מיט אַן התבטלות

אויב איז דער צוגאַנג צו תורה מיט אַ בליק אַז די תורה איז אַ חכמה ווי אַלע חכמות, און דער עיקר איז אַז 'איך האָט געטון דעם דף' בשעת'ן טרונקן די קאַווע... ס'איז דאָ מענטשן וואָס דאַרפן עפּעס טון בשעת זיי טרונקן די קאַווע. לערנען זיי בשעת מעשה אַביסל גמרא. די שאלה איז נאָר ווער העלפט דאָ וועמען. **ווען ער האָט געענדיגט דעם בלאַט מיט'ן קאַווע לייגט ער אַריין דאָס בענדל אויפ'ן פלאַץ.** מ'האַלט דאָ, מאָרגן וועט מען ממשיך זיין...

ווען מ'האָט אַזאַ סאָרט צוגאַנג צו תורה, **וויל די תורה זיך נישט אַנטפּלעקן פאַר'ן מענטש**, ווייל דו ביסט מיך מגשם! אָבער אויב מ'וועט צוגיין דערצו מיט אַ הכרה אַז די תורה איז זייער אַ הויכע זאַך, דעמאָלט וועסטו נתקרב ווערן דערצו, ווייל דער זעלבער נס וואָס השי"ת מאַכט פאר די תלמידי חכמים צו האָבן הצלחה בתורה, **וועט ער אויך מאַכן פאַר דיר!** דער נס איז פאר יעדן איינעם צוגלייך.

וואָס דאַרף דער מענטש טון דערצו? **ער דאַרף פשוט צוגיין מיט אַן ערנסטקייט צו תורה.** ער דאַרף גלייבן אין די קדושת התורה, ער דאַרף פאַרלאָזן אַ טרער אויף הצלחה בתורה, און בעיקר, זאָל ער האָבן די צוויי אויבנדערמאַנטע הרגשים אויף איינמאָל, **די הרגש פון שמחה** אויף יעדעס וואָרט וואָס ער לערנט, און **די הרגש פון צער**, אַז ס'איז דאָ אַזויפיל מער אין תורה וואָס ער האָט נאָכנישט אָנגערירט.

## תורה היא וללמוד אני צריך

די זעלבע כלל איז נוגע אויך צו דער שאלה וואָס

אַ יונגערמאַן האָט לעצטנס געפרעגט: ווען אַ מענטש זעט אַז עס פּאַסירן צו אים פּאַרשידענע מאורעות, **דאַרף ער טראַכטן יעדעס מאָל אַז דאָס איז אַ סימן פון הימל צו מתקן זיין געוויסע ענינים?** לכאורה קענען מיר דאָך נישט פּאַרשטיין די חשבונות פון הימל, **מיר ווייסן דען ביי יעדע זאַך פּאַרוואָס דער רבוש"ע האָט אַזוי געטון?** וואָס פּאַרשטייט אַ מענטש?

די ווערטער פון דעם בעש"ט הק' זענען אַ תירוץ אויך אויף דער פראַגע: אַ איד דאַרף קענען האָבן צוויי מחשבות אויף איינמאָל. פון איין זייט דאַרף מען גלייבן מיט אַ השגחה פּרטית ומדוקדקת אַז **דער רבוש"ע האָט יעצט געערעדט צו מיר.** איך דאַרף מפשפש זיין במעשי. כ'האָב נישט סתם אַזוי געזען אָדער געהערט די זאַך, ס'איז דאָ עפּעס וואָס כ'דאַרף דאָ אָפּלערנען פאַר מיר. ס'איז תורה!

אָה, אויב ס'איז תורה, **ליגט דאָ אודאי אַזויפיל מער וואָס איך האָב נישט קיין השגה דערינען.** אַ נאַר בין איך אויב כ'רעדט זיך איין אַז איך פאַרשטיי דעם גאַנצן בילד! זיכער קען איך גאַרנישט משיג זיין די דרכים פון דעם רבוש"ע. **ווער בין איך צו מסביר זיין** **וואָס דאָ גייט פאָר?!** איך ווייס נאָר אַז דער רבוש"ע האָט מיר מעורר געווען אויף עפּעס אַ טעות, עפּעס אַן עבירה, וואָס כ'האָב געטון.

## אויב זוכסטו דעם רבוש"ע וואָס ליגט אין דער תורה, דעמאָלט איז יענער גאַרנישט נענטער ווי דיר!

פון איין זייט האָט דער מענטש אַ שמחה אַז דער רבוש"ע רעדט מיט אים, און גלייכצייטיג **האָט ער אויך אַ קלאָרקייט אַז ס'איז דאָ טויזנט מאָל מער טיפערע הסברים צו דער זאַך**, וואָס איך האָב נישט קיין השגה דערינען. כ'רעדט זיך בכלל נישט איין אַז איך פאַרשטיי אַלעס. ס'איז נישט קיין סתירה די צוויי ידיעות.

### די ריכטיגע בליק אויף אַ צווייטן איד

דאָס איז די ריכטיגע צוגאַנג פון אַ איד צו תורה. דאָס איז די ריכטיגע צוגאַנג צו די הנהגות פון דעם רבוש"ע, און **דאָס איז די ריכטיגע צוגאַנג צו אַ צווייטן איד.** פון איין זייט זעט דער מענטש דאָס חשיבות פון אַן אַנדערן איד, און פון דער צווייטער זייט זאָגט ער "איך האָב נישט קיין שום השגה אין די חשיבות פון אַ איד". **ביידע זענען אמת.**

דאָס איז וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען פון קבלת התורה אין דעם יו"ט שבועות, אַז **מ'גייט צוגיין צו תורה מער אויף אַזאַ סאָרט אופן פון געדענקן אַז מיר זענען נאָך זייער ווייט.** און וויפיל מער מ'לערנט תורה אויף דעם מהלך, איז מען זוכה צו באַקומען די רוחניות'דיגע ליכטיגקייט וואָס דער רבוש"ע וויל אונז געבן.

## לויבן און דאַנקן השי"ת - במשנת הבעש"ט הק'

ליל שישי במדבר תשפ"ד

### די שייכות פון דער יומא דהילולא מיט 'זמן מתן תורתינו'

ווען דער רבוש"ע האָט געגעבן די תורה פאַר אידישע קינדער, האָט ער אונז אויך געגעבן 'מלמדי תורה', **די צדיקים וואָס זאָלן אונז אויסלערנען די תורה**, און אונז לערנען דעם וועג וויאַזוי אַ איד קען זיך מדבק זיין אין השי"ת.

אין דעם יום טוב שבועות געפאַלט די יאָרצייט פון דעם הייליגן **בעש"ט זי"ע.** דאָס איז אודאי מיט אַ געוואַלדיגן חשבון, אַז ס'איז טאַקע אויסגעקומען אין דעם טאָג פון קבלת התורה, און ס'ליגט אויף אונז אַ גרויסער חיוב צו דאַנקן דעם אויבערשטן ער האָט אונז מגלה געווען דעם גרויסן אור, **אַז אויך מיר פשוט'ע אידן, בעקבתא דמשיחא, זאָלן זיך קענען אָנכאַפּן אין דער הייליגער תורה פון דעם בעש"ט הק'**, וואָס ראַטעוועט און מאַכט ליכטיג פאַר'ן מענטש אין אַלע ענינים.

### דער בעש"ט וויל הערן אידישע שבחים

לאָמיר לערנען איינס פון די יסודות פון דעם בעש"ט הק', וואָס איז אַ גרויסע און הייליגע עבודה, אָבער **ס'איז אַ לייכטע עבודה** וואָס ברענגט אַראָפּ אַ גרויסע שפע מיט השפעות טובות אויף אַ מורא'דיגן פאַרנעם.

אין **ספר המאמרים** פון הגה"ק דער **ריי"ץ מליובאַוויטש** זי"ע ווערט געברענגט אַז ווען דער **בעל התניא** איז געווען ביי זיין רבי', דער **מגיד פון מעזריטש** זי"ע, האָט אים דער מגיד דערציילט די פאָלגנדע מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין רבי', דער בעש"ט הק'.

דאָס איז געווען אין דער תקופה ווען דער בעש"ט איז נאָך געווען אַ נסתר, און ער איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. דער בעש"ט האָט דעמאָלט געהאַט אַן עבודה אַז ער פלעגט פרעגן פון פשוט'ע עמך אידן, אַלטע און יונגע: "וויאַזוי גייט עס? וואָס הערט זיך מיט געזונט? וואָס מאַכן די קינדער?".

די סיבה פאַרוואָס דער בעש"ט האָט דאָס געפרעגט, איז געווען **ווייל ער האָט זייער הנאה געהאַט צו הערן די תשובה וואָס אידן האָבן געענטפערט.** יעדער איינער האָט אַרויסגעברענגט אַ שבח והודאה פאַר'ן רבוש"ע לויט זיין אויסשפּראַך.

די מענער פלעגן ענטפערן אויף זייער שטייגער: "געלויבט דער אויבערשטער, ברוך הוא וברוך שמו, אַז ער שיקט פרנסה. געלויבט השי"ת פאַר די געזונט פון מיין משפּחה". די פרויען פלעגן ענטפערן אויף זייער שטייגער: "געלויבט גאָט ברוך הוא, פאַר די חיונא וואָס ער שיקט אונז און פאַר די קינדער". ווידעראום די קינדער האָבן געענטפערט אויף זייער שטייגער: "מיר לויבן השי"ת אַז מיר האָבן עלטערן וואָס באַזאָרגן אונז מיט אַלע באַדערפעניש צו קענען לערנען תורה"...

דער בעש"ט האָט געוואָלט אַרויסברענגען **אַז אידישע קינדער זאָל רעדן שבח והודאה פאַר'ן אויבערשטן**, און די וועג וויאַזוי ער האָט דאָס געטון איז געווען דורך זיך נאָכפרעגן אויף זייער וואוילזיין און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן דאַנקן דעם אויבערשטן.

### כביכול זיצט אויף תהלות ישראל

אַמאָל איז דער בעש"ט געקומען אין אַ ישוב און ער האָט זיך דאָרט ווייטער געפירט מיט זיין מהלך, צו פרעגן מענטשן וואָס זיי טוען. אין יענעם ישוב איז געווען אַן עלטערער איד, אַ תלמיד חכם און אַ פרוש פון אַלע עניני עולם הזה, וואָס שוין פופציג יאָר איז ער געזעצן און געלערנט יומם ולילה אין זיין אָפּגעזונדערטן 'פרישה' שטיבל, ביים ווינקל פון דער שול. ער איז געווען אַ יושב בתענית מיט טלית ותפילין ביז שפעט אין די אָוונט שטונדן. הערשט נאָך מעריב

פלעגט ער טועם זיין אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער, און אַזוי איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיין עבודה במשך לאַנגע יאָרן.

איז דער בעש"ט הק' צוגעגאַנגען אויך צו דעם גאון אין זיין צימערל און ער האָט אים געפרעגט: וויאַזוי גייט עס מיט'ן געזונט? איר האָט אַלע הצטרכות'ער? דער גאון האָט זיך צוערשט בכלל נישט אומגעקוקט אויפ'ן בעש"ט, וואָס איז געווען אָנגעטון ווי אַ פשוט'ער איד. אָבער דער בעש"ט האָט אים ווייטער עטליכע מאָל געפרעגט, ביז דער פרוש איז געוואָרן אַביסל בייז, און ער האָט געמאַכט מיט דער האַנט: גיי אַרויס פון דאָ, שטער מיך נישט פון לערנען.

האָט דער בעש"ט הק' זיך אָנגערופן צו דעם גאון: **פאַרוואָס גיט איר נישט כביכול זיין פרנסה?** אויב איר גיט נישט פרנסה פאר כביכול וועט ער דאָך ווערן אויסגעהונגערט?

הערנדיג די דאָזיגע רייד איז דער גאון געבליבן ווי צעטומעלט. עפּעס אַ איד אַ דאָרפסמאַן רעדט אַז מען דאַרף דעם כביכול געבן פרנסה. האָט אים דער בעש"ט הק' מסביר געווען ווי פאָלגנד:

אידן זיצן אויף פרנסה וואָס דער אויבערשטער שיקט זיי. אָבער אויף וואָס פאַראַ פרנסה זיצט דער כביכול? דוד המלך אין תהלים (כב, ד) דערציילט אונז דעם סוד: **'ואתה קדוש'** - און דו הייליגער באַשעפער. **'יושב'** - אויף וואָס פאַראַ פרנסה זיצסטו? **'תהלות ישראל'**. דער כביכול זיצט אויף אידישע לויבונגען. ווען אידן דאַנקן אים פאר זייער געזונט און פרנסה, דאָס איז די פרנסה פון השי"ת. און דעמאָלט איז ער משפיע פאַר אידן אַלעס גוטס.

### דער גילוי פון בעש"ט: דאַנקן השי"ת ברענגט השפעות טובות

אַזוי האָט דער בעש"ט הק' מגלה געווען, אַז **ס'איז דאָ אַ גרויסע עבודה, ווען אַ מענטש זאָגט אַרויס פון מויל שירות ותשבחות אויף די טובות וואָס דער רבוש"ע גיט אים.** ס'איז אַ געוואַלדיגע עבודת ה' צו מכיר זיין אין די חסדים פון השי"ת. ווען מ'טוט אַזוי, איז מען מפרנס כביכול דעם אויבערשטן, ווי דאָס לשון פון **חז"ל** (זוה"ק ח"ג ז): 'ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים', וואָס עפ"י סוד מיינט דאָס אַז אידישע קינדער ברענגען אַן 'אתערותא דלתתא', וואָס ברענגט דערנאָך אַראָפּ אַן 'אתערותא דלעילא' מיט בני חיי ומזוני.

די מעשה איז איינס פון אַסאַך דיבורים און עבודות וואָס דער בעש"ט הק' האָט אויסגעלערנט אין דעם ענין, אַז אַ איד דאַרף אַלעמאָל זיין 'שם שמים שגור על פיו', **צו דאַנקן און לויבן השי"ת פאר זיינע חסדים און טובות.**

מ'דאַרף דאָס חזר'ן פאר זיך אַליין און פאר די קינדער. צומאָל פרעגט מען פון אַ קינד: "וויאַזוי איז געווען דיין טאָג?" און דאָס קינד ענטפערט: "פיין". דאַרף מען איינגעוואוינען פאַר קינדער וואָס דער בעש"ט האָט אויסגעלערנט: מען ענטפערט נישט אַזוי. **אַ איד דארף זאָגן "ברוך ה', געלויבט דעם אויבערשטן, ס'איז געווען גוט".** - דער בעש"ט הק' האָט געפרעגט מענטשן נאר כדי צו באַקומען אַזעלכע תשובות, ווייל **דורכדעם עפנט מען מורא'דיגע צינורות פון שפע,** און מ'ווערט דבוק אין השי"ת!

### די התעוררות פון דער נשמה צו דאַנקן און לויבן

ס'איז דאָ אַ שטיקל אין ספר הק' **תולדות יעקב יוסף** (פרשת ויצא) וואָס ברענגט אַרויס די גרויסע חשיבות ווען אַ איד זאָגט אפילו אַ פשוט'ע וואָרט פון דאַנקן השי"ת. דער תולדות זאָגט: **'שמעתי ממורי'** - איך האָב געהערט פון מיין רבי, דער בעש"ט הק'. **'כשבא נשמה מאצילות אל עולם העשייה, ורואה איך שם נתגבר הקליפה, ואיך נקל כבוד המלך רב ושליט בעיניהם'** - ווען די הייליגע נשמה קומט אַראָפּ פון עולם האצילות צו אונזער מגושם'דיגער וועלט, און די נשמה זעט וויאַזוי די קליפות זענען זיך דאָ מתגבר, און דער כבוד פון השי"ת איז ליידער אַזוי פאַרשוועכט. **'אז הוא מעורר את עצמו, ליתן יותר שבח לכבוד המלך מלכו של עולם שאין הוא כאחד מהם'** - איז דאָס מעורר דעם מענטש צו געבן אַ שבח פאַר'ן רבוש"ע, אַז ברוך ה' איך בין נישט אַזויווי זיי!

דאָס ליגט אין דער נוסח התפלה 'ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת'- אַ איד דארף דאַנקן דעם רבוש"ע פאַר דעם אַליין, **אַז אין אַזאַ טונקעלע וועלט איז ער זוכה צו דאַנקן דעם רבוש"ע.** ב"ה אַז ער נישט אַזוי ווייט און ער איז נישט אַזוי נידריג צו פאַרגעסן פון דעם רבוש"ע. ווי הרה"ק רבי ר' **ברוך'ל ממעזיבוז** זי"ע האָט געזאָגט: "וועלט וועלט, ווי פינסטער און ביטער ביזטו פאר דעם וואָס לאָזט זיך אַריין אין דיר, און ווי ליכטיג און זיס ביזטו צו דעם מענטש וואָס שטייט אינדרויסן און העכער פון דיר".

### דאַנקן אויף תורה ברענגט הצלחה אין תורה

איינס פון די עצות וויאַזוי צו מצליח זיין אין תורה, איז טאַקע דער מהלך, צו דאַנקן דעם רבוש"ע אויף דער תורה. ווייל **ווען מ'דאַנקט אויף אַן ענין איז דאָס מעורר שפע אויף יענע זאַך!** ווען מ'לויבט השי"ת אויף פרנסה איז דאָס משפיע פרנסה, ווען מ'לויבט אויף געזונט, ברענגט דאָס געזונט, און **ווען מ'דאַנקט אויף תורה, באַקומט מען השפעות פון תורה,** ווייל בשעת מען איז עוסק אין שבח והודאה, איז מען מכיר אַז דאָס קומט פון השי"ת און דאָס ברענגט אַז ס'זאָל ווערן געעפנט די צינורות פון שפע.

דערפאַר זעט מען טאַקע אַז **ביי ברכת התורה איז אויך דאָ דער ענין פון 'הודאה'.** נישט נאר די תפלה פון 'והערב נא', נאר אויך די ברכה פון 'אשר בחר בנו', מען דאַנקט השי"ת אַז ער האָט אונז געגעבן תורת אמת און חיי עולם. **אפילו טאָמער אַ מענטש לערנט נאָך ווייניג,** אפילו ווען ער שפירט זיך נאָך ווייט פון תורה. אדרבה, דורכדעם וואָס דו וועסט דאַנקן אויף תורה, וועסטו נתקרב ווערן צו תורה.

דאָס אַליין איז אַן עבודת ה' צו געבן שיר ושבח פאַר'ן רבוש"ע, אפילו מיט עטליכע ווערטער אויף אידיש: "ברוך ה'! געלויבט דער אויבערשטער!" - דער בעש"ט הק' זאָגט אַז **כביכול דער רבוש"ע באַקומט פון דעם חיות.** פּשט דערפון איז, אַז השי"ת וויל אַלעמאָל ברענגען חיות און שפע אויף דער וועלט, און ווען מענטשן דאַנקן דעם אויבערשטן, קען ער טאַקע משפיע זיין חסד און דאָס איז כביכול זיין גרעסטע תענוג.

ווען מ'שטייט אין אַזאַ זמן פון קבלת התורה קען אַ מענטש אַסאַך טראַכטן און זיך מתבונן זיין: 'אי לאו האי יומא', וויאַזוי וואָלט ער אויסגעקוקט אָן די תורה הק', און **ווען מ'מאַכט זיך דעם חשבון, דאַן איז: 'הכל מודים דבעינן נמי לכם',** קען מען אַזויפיל דאַנקן און לויבן. מ'קען מרחיב זיין די שבח והודאה אויך נאָך יום טוב, אַז מ'זאָל אַלעמאָל מכיר זיין די גרעסטע טובה וואָס השי"ת האָט אונז געטון, אַז ער האָט אונז געגעבן די תורה. מ'זאָל נישט בלויז דאַנקן אויף אַלע זייטיגע זאַכן, די חסדים בגשמיות, נאר אויך דאַנקן אויף דעם עיקר חסד, אַז מיר האָבן באַקומען די הייליגע תורה!


## פטרון השבוע

הגליון נתנדב לכבוד חג השבועות זמן מתן תורתינו ע"י

**The Winery**

4616 18 Ave

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:

718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול ענינו

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

## ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**בארא פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב